דרײַצעהנטער יאָהרגאַנג.

№ 8 Należytość pocztowa opłacona ryczałtem. פרייז 20 גראָשן. „CZENSTOCHOWER CAJTUNG".

טשענסטאָכאָווער צ[...]

Bibljot. Jagiellońska
Kraków
św. Anny 19

ערשיינט יעדען פרייטאג.
רעדאקציע און אדמיניסטראציע
ערשטע אלעע 6. — טעלעפאָן 201

CZĘSTOCHOWA, ALEJA 6. TELEFON 201.

Piątek d. 23 lutego 1934 | ליכט-צינדען 4.45 | פרייטאָג, פ' תצוה ח' אדר תרצ"ד.

פוילישער ייד, ערפיר דיין חוב פאר דיינע אומגליקליכע ברידער פון דייטשלאנד!

קאָמיטעט
פון מיליאָן = קאמפיין
— פאר'ן —
„קרן-הישוב“.

אכטונג טשענסטאכאווער יודען! זונטאג, פ' כי תשא, ד. 25 לוטי וועלען בעזוכען אונזער שטאָדט די ה"ה:

הרב ס. ד. לאסקי אב"ד מסאמפאָלנע און ה' אלי' מאזור פרעזעס פון דער ווארשאווער קהלה

וועגען אדורכפיהרען די אקציע פאר'ן מילאָן - קאמפיין פון „קרן-הישוב“.

חנטשע וויינרייך — חיים ישראל וולאָדאָווסקי

תנאים געשריבען

לאָדז — טשענסטאָכאָוו

אין לוטי 1934 י.

צו דער תנאים פון אונזער ליעבען זוהן און ברודער חיים ישראל וולאָדאָווסקי מיט פרל. חנטשע וויינרייך פון לאָדז.

אונזערע הארציגסטע ברכות עלטערן און שוועסטער.

צו דער תנאים פון מיין ליבע טאָכטער און אונזער שוועסטער חנטשע וויינרייך מיט ה' חיים ישראל וולאָדאָווסקי א הארציגען מזל-טוב און א בליהענדע גליקליכע צוקונפט ווינשען מוטער און געשוויסטער לאָדז.

ברכת מז"ט לכם חותני יקירי מו"ה ר' אהרן נ"י וולאדובסקי עכב"ב יחי' לרגלי ארוסת בנם ואחיהם כמר חיים ישראל נ"י את בחירת לבו ש"ב העלמה חנטשע תחי' מלודז יה"ר שנזכה לראות מהם רוב נחת ועונג עדי עד.

זאב יהודא זנדר ורעיתו

מזל-טוב און פיעל גליק ווינשען מיר אונזער ברודער און שוואָגער חיים ישראל וולאָדאָווסקי צו זיין תנאים מיט פרל. חנטשע וויינרייך.
די עלטערן ווינשען מיר פון זיי צו האבען פיעל נחת.

שלמה וולאָדאָווסקי, פרוי און קינדער.

צו דער תנאים פון אונזער ברודער-טאָכטער חנטשע וויינרייך מיט אונזער שוועסטערן-זוהן חיים ישראל וולאָדאָווסקי א הארציגען מזל-טוב.
זאל זייער לעבענס.וועג זיין פערבינדען מיט א בונד פון גליק און צופרידענהייט.

יעקל שווארצבוים, פרוי און פאמיליע
ישראל וויינרייך און פרוי.

אונזערע ליעבע מחותנים ה' אהרן וולאָדאָווסקי און פרוי צו דער תנאים פון זייער זוהן חיים ישראל מיט פרל. חנטשע וויינרייך א הארציגען מזל-טוב און פיעל נחת.
דעם יונגען פאָר א בליהענדע צוקונפט.

לייזער רוזשאנסקי און פרוי און אלחנן גאָטליב און פרוי.
ראדאמסק.

צו דער תנאים פון אונזער קוזין חיים ישראל וולאָדאָווסקי מיט אונזער קוזינקע חנטשע וויינרייך פון לאָדז א גליקליכע און בליהענדע צוקונפט און די עלטערן פיעל נחת ווינשען פראניא שטשעקאָץ און חיים ישראל שווארצבוים.

א הארציגען מזל-טוב און א בליהענדע צוקונפט ווינשען מיר אונזער ברודערן-טאָכטער און קוזינקע חנטשע וויינרייך צו איהר תנאים מיט אונזער שוועסטערן-זוהן און קוזין חיים ישראל וולאָדאווסקי. די עלטערן ווינשען מיר צו דערלעבען פון זיי פיעל נחת.

שלמה וואַלקאָוויטש און פרוי, שמשון יונה גוטערמאַן און פרוי
טשענסטאכאוו

גיטעלע בזשאָזטאָווסקא און מאַן ארגענטינא.

● ברית הציונים הרביזיונים ●

פייערלעשער-זאַל — שבת 3 מערץ

ווערט פאַרקומען דער טראַדיציאָנעלער

„עדלידע“ = באל

מזרח-רעקאָראַציעס.

אָרקעסטער אונטער דער אָנפיהרונג פון ה' סט. שמולעוויטש.

אָנהויב 9.30 אָוונד. — איינגאַנג 1.49 זל.

בעקאַנטמאַכונג.

איך מאַך בעקאַנט, אז איך האָב איבערגענומען אויף טשענסטאכאוו און אומגעגענד

די פערטרעטונג פון דעם בעריהמטען

ביער Jędrzejowskie

וואס צייכענט זיך אויס מיט זיין געשמאַקהאַפטיגקייט און פעטקייט.
פאַר פיינשמעקער עמפפעהל איך פילזענסקע ביער.
טראַץ דער גוטער קוואַליטעט קאָסט עס ביליג.
אויף חתונות און שמחות מיט אָבשטעלען אהיים.
זיך ווענדען פערזענליך אָדער טעלעפאָניש:

ש. פישהאַלטער, וואַרשאווער 21 טעל. 10-43

Dr. med.

Z. Wilczyńska-Tenenbaum

przyjmuje w chorobach
kobiecych i akuszerji
Nowy Rynek 6 - Warszawska 1.

מאָרגען שבת
אין פייערלעשער-זאַל

דער „טאָזי“-באַל

אויף דעם באַל ווערט צוגעגרייט א מאַסע איבערראַשונגען און אַטראַקציעס, וועלכע טשענסטאָכאוו האט נאך ביז יעצט נישט געזעהן.

א געוועלב אין פראַנט,

ווי אויך 2 שטובען מיט א קיך

גלייך צו פערדינגען נארוטאָוויטשא 14.
ערקונדיגען זיך: גלאַטער אלעע 32.

א אינטעליגענט פריילין אלס ביבליאָטעקארין ווערט געזוכט.

אָפערטען: ביבליאָטעק קולטור-ליגע, אלעע 12

STYLOWY

אלעע 29.

גרויסע פרעכטיגע דראַמע וועגען ליעבע, פערברעך און ליידענשאַפט

Zła dziewczyna

מ'האט געשמועסט וועגען איהר, אז זי איז פערדאָרבען, זי האט אבער געליעבט נור איינעם.
הויפט-ראָלען: דאָלאָרעס דעל ריאָ זינגט, רייצט און פערפיהרט. עדמונד לאָוו דער 100-פראָצענטיגער מאַנסביל.

שבת און זונטאג האלב 1 מיטאג - פאַרשטעלונגען

Skrzydlate Fatum.

SZKOŁA TAŃCÓW

baletm. **K. Kosteckiego**

w lokalu własnym **Waszyngtona 6**,
przyjmuje zapisy na kursy, lekcje oddzielne codziennie od 10 rano do 9 w.
Opłata za lekcje przystępna

שבת 24 ד.ה. 8 אָוונד פראַקטישע לעקציע פאר יודישע געזעלשאַפט און אויך יעדען שבת אָוונד. לעצטע מוזיק - שלאַגערס. ביליגע פרייזען.
דאָנערשטאָג, ד. 1 מערץ פראַקטישע לעקציע לכבוד פורים 8 אָוונד.

Dr. med. B. Tenenbaum

przeprowadził się.
przyjmuje w chorobach wewnętrznych do 10 rano i od 3—7 pp.
Nowy Rynek 6 - Warszawska 1.

Naszej koleżance biurowej
p. Dorze Zygelman
z powodu zgonu Jej OJCA
b. p. **LUDWIKA LANDSBERGA**
wyrażamy szczere współczucie
Salomonowie Borzykowscy.

PODZIĘKOWANIE.

Niniejszem składam podziękowanie
pp. **FISZOF i JARZĄBEK**
przedstawicielom
Tow. Ubezp. „EUROPA" Sp. Akc. w Warszawie
za szybkie wypłacenie mi kapitału pośmiertnego dol. 1000 z pol. № 24013 po teściu moim b. p. D. GOLDBERGU
A. Pilichowski, Berka Joselewicza 2.

סאַלאַ ווינדמאַן — שמשה גאָמולינסקי

פערלאָבט

טשענסטאָכאָוו, אין פעברואר 1934 י.

צו דער פערלאָבונג פון אונזער זוהן און ברודער שמשה מיט פרל. סאַלאַ ווינדמאַן ווינשען פיעל גליק און צופרידענהייט.

עלטערן און געשוויסטער.

צו דער פערלאָבונג פון אונזער ליעבע טאָכטער און שוועסטער סאַלאַ ווינדמאַן מיט ה' שמשה גאָמולינסקי ווינשען פיעל גליק און צופרידענהייט

עלטערן, געשוויסטער און שוואגער.

צו דער פערלאָבונג פון אונזער ברודערן-טאָכטער סאַלאַ ווינדמאַן מיט ה' שמשה גאָמולינסקי ווינשען מיר א גליקליכע צוקונפט. די עלטערן—א סך נחת.

ישעיה ווינדמאַן און פרוי.

א הארציגען מזל-טוב ווינשען מיר אונזערע שכנים ה' קלמן שטאהל און פרוי צו דער חתונה פון זייער ליעבען זוהן משה מיט פרל. העלענא אָרבאַך פון סאָסנאָוויץ.
דעם יונגען פאָר — א בליהענדע צוקונפט.

משה גראַנעק און פאַמיליע.

צו דער פערלאָבונג פון אונזער חבר אברהם וויינריט ראקאָו, מיט פרל. ראַכעל פרינץ בעלעסלאַוויעץ, גראַטולירען און ווינשען פיעל גליק
בברכת מדינה עברית

ועד ברית הצה"ר, ועד קרן-תל חי, מפקדה בית"ר.

Wszystkim tym, którzy wzięli udział w pogrzebie i oddali ostatnią posługę drogiemu naszemu zmarłemu OJCU

b. p **Ludwikowi Landsbergowi**

wyrażają tą drogą „Bóg Zapłać"

córki, syn, synowa, zięć i wnuki.

WSPÓŁPRACOWNICZCE NASZEJ
p. DORZE ZYGELMAN
z powodu zgonu JEJ OJCA
b. p. **LUDWIKA LANDSBERGA**
wyrażamy nasze głębokie współczucie
DYREKCJA FABRYKI „KOSMOS", Spółka Akcyjna.

WSPÓŁPRACOWNICZCE NASZEJ
p. DORZE ZYGELMAN
z powodu zgonu JEJ OJCA
b. p. **LUDWIKA LANDSBERGA**
wyrażamy nasze najgłębsze współczucie
PERSONEL BIUROWY
fabryki „Kosmos".

קלארע דבורים.

עס דארף איינמאל פאר אלע מאל קלאר ווערען, ווי אזוי מיר האלטען מיט'ן היטלער-באיקאט און דער עיקר— צי עס איז איבערהויפט פראקלאמירט געווארען דער באיקאט.

מיר ווילען זיך נישט אזוי גאאיוו מאכען און זיך ווילען פרעגען א קלאץ-קשיה, צי ס'איז איבערהויפט ערקלערט געווארען דער אנטי-דייטשער באיקאט, ווי דאס האט געוואלט אינטערפרעטי-רען אדוו. הארטגלאס, ווייל יעדער יוד ווייסט, אז קויפען דייטשע סחורות איז א פערברעך און אז דערמיט בע-געהט מען א פערראט לגבי דעם יודי-שען כלל. אויב אבער מיר האבען דאך געשטעלט די דאזיגע פראגע איז עס דערפאר, ווייל—ווי מיר זעהען—האט דער דאזיגער באיקאט נישט קיין שום האפט און ווערט נישט אבגעהיטען, נאכמעהר—אפילו די אזוי-גערופענע אנ-טי-היטלער-קאמיטעטען גיבען אפילו גישט קיין געהעריגע אנווייזונגען, וואו מען קאן בעקומען סחורות, וועלכע זא-לען פערטרעטען די דייטשע סחורות און זיי פערשווייגען אפילו דאמאלס, ווען זיי איז בעוואוסט ווער עס קויפט און האנדעלט מיט דייטשע סחורות.

מיטגלידער פון דעם אנטי-היטלער-קאמיטעט, זאגאר די יעניגע, וועלכע טרעטען ארויס אויף אנטי-היטלער-מי-טינגען, קויפען און פערקויפען דייטשע סחורות.

מיר בעקומען אפטע אויפרופען פון דער צענטראל-פערוואלטונג פון די אנ-טי-היטלער-קאמיטעטען, וועלכע פראק-לאמירען געלד-זאמלונגען, אבער קיין איין ווארט דערמאנען זיי נישט וועגען באיקאט.

א יודענע, וועלכע פערקויפט גע-שמוגעלטע דייטשע פרוכטען און פער-דינט א פאר לומפיגע גראשען, ווערט געשטעמפעלט אלס א פעררעטערין, און אונזערע שענע יודען, וועלכע מאכען טראנזאקציעס אויף צעהנער טויזענטער זלאטעס, זענען זיך ווייטער אנגעזעהע-נע מענשען...

איבערהויפט, איז די גאנצע פראגע וועגען באיקאט א קאמפליצירטע. פער-האנען סוחרים, וועלכע מאכען זיך א היתר צו קויפען דייטשע סחורות מיט'ן מאטיוו, אז זיי בעקומען נישט די דא-זיגע ארטיקלען אין קיין אנדער לאנד, און ס'פערשטעהט זיך, אז דאס עפענט שוין א טירעל צו נאך א גרעסערען היתר.

מען הערט אבער נישט, אז אין דער דאזיגער אנגעוועהטאגטער פראגע זאל אריינקומען קלארקייט. מיר טאפען אין דער פינסטער, און דאס ברענגט נאר שאדען דער אלגעמיינער זאך.

זאל מען דעריבער רעדען קלארע דבורים. צי בעגרעניצט זיך נאר די אנטי-דייטשע ארבייט מיט זאמלען געלט פאר די פליטים, צו בעציהט עס זיך אויך אויפ'ן פראקלאמירטען באיקאט.

אין אזא לאגע, ווי ס'איז איצט, טאר עס ווייטער נישט בלייבען.

מען דארף הערען קלארע דבורים.

ב—ן.

צו דער יודישער בעפעלקערונג אין פוילען!

ברידער יודען!

דער היטלעריזם, וואס הערשט שוין אין דייטשלאנד זינט א יאהר צייט האט אונז איבערצייגט, אז דער שגעון פון האס און אויסראטונגס - פאליטיק לגבי יודען, וועלכער ווערט פערשפרייט דורך די ראסען - פאנאטיקער, איז גישט קיין איבערגעהענדיגע ערשיינונג. די טענדענציעזע ידיעות, אז עס איז פארגעקומען א געוויסע אבשוואכונג אין דער היטלעריסטישער אנטי-יודישער אקציע האבען גישט קיין יסוד, ווייל די אנהענגער פון היטלעריזם גרייטען ווידער פאר און פיהרען דורך אין לעבען א פלאנמעסיגען און סיסטעמאטי-שען קאמף אקעגען דעם גאנצען יודענטום נישט נאר אין דייטשלאנד, נאר אויך אין פיעל אנדערע לענדער.

זינט די צייטען פון מיטעלאלטערליכען בארבאריזם, זינט די צייטען פון דער שפאנישער איגקוויזיציע איז דאס יודענטום נישט געווען אויסגע-שטעלט אויף אזעלכע שווערע נסיונות: דער גאנצער דייטשער מלוכה-אפא-ראט און די אונבעגרעניצטע פראפאגאנדע-פאנדען שטעהן צו דער דיספאזי-ציע פון די אנהענגער פונ'ם ווילדען-האס, ווירקענדיג אויף די נידריגסטע מענשליכע אינסטינקטען.

אקעגען דער דאזיגער ארגאניזירטער פיינדליכער אקציע מוז דאס גאנ-צע יודענטום זיך ארגאניזירען און פארברייטען צו א לאנג - דויערענדיגען פערביטערטען קאמף: נאר אין אחדות בעשטעהט אונזער כח, נאר אונזער אחדות קאן פיהרען צו א נצחון. אין דעם דאזיגען ענין זענען נישט פערהאן קיין שום פארטייאישע אונטערשידען. דער גאנצער יודישער כלל האט נאר איין מיינונג און יעדער איז אומבעדינג מחויב ויך אונטערצוווארפען די פער-ארדנונגען פון די, וועלכע האבען זיך אונטערגענומען דעם שווערען לאסט און פליכט אנצופיהרען מיט'ן קאמף.

כדי ווי געהעריג אדורכצופיהרען די דאזיגע אקציע איז נויטיג א גע-העריגער פאנד, וואס זאל פון איין זייט קאנען בענוצט ווערען צו לינדערן די נויט פון די פליטים, וואס געפונען זיך אין פוילען, זיי איינארדנען אין ארץ-ישראל און פון דער צווייטער זייט דאס ענערגישע בעקעמפען די היט-לעריסטישע פראפאגאנדע.

כדי צו געבען דער אקציע אנ'איינהייטליכען כאראקטער האבען די פארשטעהער פון אלע טיילען פון דער יודישער געזעלשאפט איינשטימיג בע-פולמעכטיגט דעם פעראייניגטען יודישען הילפס-קאמיטעט פאר די פליטים פון דייטשלאנד אדורכצופיהרען אין יאהר 1934 א מאסען-זאמלונג אין דער פארם פון אנ'איינמאליגער פערפליכטענדער בעשטייערונג, וועלכע וועט אדורכגע-פיהרט ווערען אויפ'ן יסוד פון געגוי בעשטימטע נארמען. די געהעריגע דורכ-פיהרונג פון דער אקציע וועט פארקומען אונטער דער השגחה פון ספעציעל בעשטימטע בירגער-קאמיטעטען. יעדער איז פערפליכטעט בייצושטייערען די סומע לויט די דאזיגע בעשטימטע פרינציפען.

דורכ'ן איינצאהלען די איינמאליגע זעלבסטבעשטייערונג וועלען מיר נאר ערפולען אונזער חוב לגבי דעם כלל און לגבי זיך אליין.

דאס נישט-ערפולען דעם דאזיגען וויכטיגען נאציאנאלען חוב וועט זיין איינדייטיג מיט'ן אונטערשטיצען פון דער פיינדליכער היטלעריסטישער אקציע.

פעראייניגטער יוד. הילפס-קאם. פאר די פליטים פון דייטשלאנד
פעראייניגטער קאמ. צו בעקעמפען די רדיפות אויף יודען
צענטר. קאמ. פאר דער ווירטשאפטליכער אנטי-היטלער-אקציע.

בן-משה.

יוסף תרומפעלדאר.

י"א אדר — צו זיין 14-טע יאהרצייט.

„אין דבר, חבר, טוב למות בעד ארצנו" — דאס זענען געווען די לעצ-טע ווערטער פונ'ם אומגעקומענעם העלד פון תל-חי.

שווער איז דער קאמף ביים אויפ-בוי פון א מלוכה און ביים אויסלייזען פון א פאלק. אבער נאך שווערער איז דער אויפבוי - פראצעס ביים יודישען פאלק. דאס אויפבויען פון א יודישער מלוכה אין ארץ-ישראל טרעפט אן אויף גרויסע שוועריגקייטען, טיילמאל אויך אויף פערלוסטען פון די בעסטע זיהן פון פאלק ישראל. שווער איז דער קאמף שוין צוליעב דעם צוויי טויזענד-יעהריגען גלות, וואס פעראורזאכט פיעל מיה און ארבייט די היינטיגע יודישע פרייהייטס-קעמפער, וועלכע בעצאהלען טיילמאל דערפאר מיט'ן לעבען.

און אט איינער פון די דאזיגע, איז בלי ספק געוועזען יוסף טרומפלדור. שוין אלס שול-יונגעל פיהרט ער א קאמף מיט זיין פאמיליע צוליעב זיי-ערע אסימילאטארישע טענדענצען, ער רייסט זיך אריין אין יודישען נאציאנא-לען לעבען אין ווייטען קאווקאז אין פיאטאגורסק. אלט - זייענדיג 21 יאהר טרעט ער אריין אין רוסישען מיליטער, וואו ער ווערט באלד איבערגעשיקט אויפ'ן דאמאלסדיגען פראנט קיין פארט-ארטור. נאך א העלדישען קאמף מיט די יאפאנער, פערלירט ער זיין לינקע האנד, און פאר זיין העלדענטהאט בע-קומט ער די ראנגע פון א רוסישען אפיציר. דאס איז דער ערשטער יודי-שער אפיציר אין צארישען רוסלאנד.

ער פאהרט נאכהער אב קיין ארץ-ישראל, פון וואנען ער ווערט אבער מיט נאך פיעל יודען טראנספארטירט דורך דער טערקישער מאכט קיין עגיפ-טען. אין אלעקסאנדריען בעגעגענט ער זיך צום ערשטען מאל מיט זשאבאטינ-סקי'ן, וועלכער איז דארט געווען אלס קארעספאנדענט פון אייניגע אייראפע-אישע צייטונגען. ביי דער דאזיגער בעגעגעניש קומען זיי צו א הסכם וועגען שאפען א יודישען לעגיאן און נאך גרויסע בעמיהונגען געלונגט זיי דעם לעגיאן צו שאפען. דער לעגיאן האט זיך אנגעשלאסען אין ענגלישען מיליטער און האט געדארפט געהן אויף דעם ארץ-ישראל-פראנט. אבער דא קומט די ערשטע ענטוישונג מצד דער ענגלישער מאכט. אנשטאט אויפ'ן ארץ-ישראל-פראנט ווערען זיי געשיקט קיין גאליפאלי. זשאבאטינסקי נעמט שוין אין דעם לעגיאן צוליעב דער ענטטוי-שונג נישט קיין שום אנטייל. טרומפעל-דאר קעמפט אבער ווייטער אין גאלי-ליפאלי, גלויבענדיג, אז זיי וועלען ענ-דליך איבערגעשיקט ווערען אויפ'ן ארץ-ישראל פראנט, אבער ליידער קומט אן די טרויעריגע ידיעה, אז דער לעגיאן ווערט אויפגעלעזט.

זשאבאטינסקי שאפט דאן א צוויי-טען לעגיאן, וועלכער ווערט איבער-געשיקט אויפ'ן ארץ - ישראל - פראנט, אבער דא נעמט שוין טרומפעלדאר נישט קיין אנטייל, צוליעב זיין רוסי-שער בירגערשאפט. ער פאהרט דערי-בער אב קיין א"י, וואו ער שאפט מיט נאך א גרופע חברים א קבוצה אין תל חי. אינצווישען ווערט דער צווייטער יודישער לעגיאן נאכ'ן העלדישען קאמף אויף די בערגער פון יהודה אויפגע-לעזט. שפעטער, ווען עס הויבען זיך אן די אראבישע פאגראמען, האט טרומ-פעלדאר זייענדיג מיט א קליינער גרו-פע אין תל-חי, זיך העלדיש פערטיי-דיגט פון די אראבישע אנפאלער. ליי-דער האט א פעררעטערישע קויל, וועל-כע האט איהם געטראפען, געמאכט א סוף צו זיין לעבען. און ווען זיין נשמה האט אויסגעהויכט, האט זיך אויף זיי-נע ליפען בעוויזען א שמייכעל מיט'ן אויסגעשריי: „אין דבר"...

ער איז א העלד געוועזען און האט זיין העלדישקייט בעוויזען נישט נאר איין מאל אין דער צייט פון א גרויס געפאהר; זיין ווערט בעשטעהט נישט בלויז אין דעם י"א אדר, ווען ער האט מיט אזוי פיעל דרייסטקייט און שטאלץ זיין לעבען אוועקגעגעבען; אויך נישט נאר אין דעם יודישען לעגיאן, וועל-כען ער האט געשאפען. געוויס איז דאס שוין אליין אויך גענוג, אבער זיין גרויסקייט איז פיעל מעהר: ער איז געוועזען זיין גאנץ לעבען א העלד, ער האט זיך זיין גאנץ לעבען ערצוי-גען, כדי פעהיג צו זיין אויף אזאלכע טהאטען.

בכדי צו פעראייביגען זיין נאמען און בכדי אויפצובויען אזא טיפ חלוץ פאר'ן יודישען פאלק, ווי טרומפעלדאר איז געווען, האט זשאבאטינסקי מיט 10 יאהר צוריק געשאפען די יוגענד-בעוועגונג „ברית תרומפלדור" (בית"ר).

ביים בית"ר דינט היינט טרומפעל-דאר אלס ביישפיל און וועג - ווייזער. און א דאנק דעם האט זיך דער „ברית תרומפעלדאר פונאנדערגעוואקסען אין דער גאנצער וועלט, צעהלט צעהנדלינגער טויזענדער מיטגלידער, וועלכע טראגען זיין נאמען אלס העלד, וועלכען מיר בעוואונדערן, אלס אידעאל, צו וועל-כען דער בית"ר שטרעבט און אלס ביישפיל, וועלכען דער בית"ר לערנט אין פאלגט נאך.

גלויבען גלויב איך: עס וועט קומען א צייט, ווען יוסף טרומפעלדאר וועט נישט זיין קיין העלד בלויז פאר אונז, דעם דור בית"רים, נאר פאר'ן גאנצען יודישען פאלק.

(43

די לעצטע טעג פון יהודה

היסטארישער ראמאן פון ה. פ. שומאכער.

(פארטזעצונג).

זיינע אויגען האבען געגליהט און געקוקט אויף דער טהיר, וועלכע האט זיך באלד געעפענט צווי סאלדאטען האבען אריינגעפיהרט אנ'אונבעקאנטען מאן

דער אונבעקאנטער איז געווען אנ'-אלטער מאן מיט ווייסע האר אויפ'ן קאפ, דאס געזיכט איינגעשרומפען, די מלבושים צוריסען, אויסגעשמירט אין בלוט און אין די ציטערענדע הענד האט ער א שטעקען געהאלטען

— דעם מאן האבען מיר געפונען אין אהנמאכט ביי דעם טויער. מיר האבען געהערט, אז ער דערמאנט דיין נאמען, דעריבער האבען מיר איהם צו דיר געבראכט.

דער אלטער איז געשטאנען שטיל, געקוקט אויף דעם העלד און זיינע לי-פען האבען געפליסטערט:

— יוחנן פון גוש חלב...

— האסט מיר עפים צו זאגען? — האט יוחנן געפרעגט.

— וואס פאר א שטים הער איך? דאס איז דאך די שטים פון יוחנן גוש חלב.

דער אלטער האט אנגעהויבען צו ציטערן, זיינע אויגען האבען זיך ברייט געעפענט און ער האט ווילד געקוקט.

— יא, דאס ביזטו!—האט ער מיט ביטערניש אויסגערופען—ווער איז מיר, איך האב א טרויעריגע בשורה' גע-בראכט.

יוחנן איז בלאס געווארען, זיין הארץ האט איהם געזאגט, אז א נייע צרה קומט אן אויף איהם

— א ביטערע בשורה? — האט יוחנן ציטערענד נאכגעזאגט—איך בין דאך א מאן, איך וועל אלץ פערטראגען, דערצעהל ווער ביזטו? פון וואנען קומ-סטו?

— איך בין אנ'אומגליקליכער, מיט גרויס מיה האב איך די שטאדט דער-גרייכט, איך האב געזעהן פליסען דאס בלוט פון מיינע ברידער מיין נאמען איז חוניו און איך בין דער איינציגער יוד, וואס איז פון עכו ענטרינען גע-ווארען.

יוחנן איז אויפגעשפרונגען פון זיין ארט:

— פון עכו קומסטו? דער לעצטער יוד? און מיין ברודער יעקב בן לוי?

— פרעג די רוימישע מערדער, זיי וועלען דיר זאגען. פרעג דעם, וואס מען רופט אספסיינוס.

— ג'ויס'נר נאט, האט ער א הם ערמארדעט?

דער אלטער האט צונעשאקעלט מיט זיין קאפ.

— ער האט איהם נישט ערמאר-דעט, נור איינגעזעצט אין געפענגעניש, כדי איהם אבצופיהרען נאך רום.

— איז ער געפאנגען?

— געפאנגען!

יוחנן האט פערדעקט זיין געזיכט. פלוצלינג האט ער זיינע הענד אוועק-גענומען און פארשענד געקוקט אויף דעם אלטען.

— אין מיין ברודער'ס הויז. א יונג מיידעל... ריין-אונשולדיג... ווען זי האט געלאכט האט ד זון געשטראהלט תמר הייסט זי. .

דער אלטער האט טרויעריג געשא-קעלט מיט'ן קאפ.

— איך קאן זי, וויפיעל מאל זי האט מיך געפיהרט אין גארטען פון יעקב בן לוי! תמר הייסט זי!

יוחנן האט מיט קראפט אנגעכאפט די האנד פון דעם אלטען און ווי משוגע אויסגעשריגען:

— מענש, ווייסטו זאגען וואס עס האט מיט תמר פאסירט?

— פרעג אספסיינוס'ן וועט ער דיר זאגען!

— אויך זי?

— אויך זי!

— געפאנגען?

— געפאנגען!

— כדי זי קיין רוים צו פיהרען?

יוחנן האט שוין מעהר נישט גע-קאנט רעדען, האט פערשטיקט אבגע-זיפצט, נור געפאלען איז ער נישט אין זיינע אויגען זענען קיין טרעהרען נישט געווען.

פערלאזט און עלענד בין איך, גאט מיינער. דו האסט מיינע קינדער דעם פיינד איבערגעגעבען, איך האב אויף א ווילע מיינע געדאנקען פערלוירען אין דער שונא'ס ווערטער אויסגעהערט. אבער גאט, אלמעכטיגער גאט! דו ווילסט מיך נור אויספרובען ווי דו האסט געפרובט אונזער פאטער אברהם. שווער איך איצט פאר דיר: דו האסט געוואלט איך זאל זיין עלענד, איך זאל אלץ איבערקווארפען, וואס מיר איז טייער געווען. מיין ווחן, די מאל-טער, דעם ברודער און זיין מאכטער— אלע האב איך מקריב געווען דיר, מיין לאנד, מיין טייער פאטערלאנד, וועל-כעם דער פיינד האט פערשמוצט. דו וועסט מיין זוהן אין מאכטער זיין, איך וועל נישט רוהען ביז עס וועט זיך הערען א נייזאנג פון פרייד, פון הילף. שווערט-זשע אלע מיט מיר, הייבט אויף אייערע שווערדען און שווערט צו גאט און צום פאטערלאנד.

— צו גאט און צום פאטערלאנד!

עס האט געשטורעמט פון די הונ-דערטער שטימען. אלע האבען מיט התלהבות געשוואירען צו פערטיידיגען דאס לאנד ביז צום לעצטען טראפען בלוט

אויך דער אלטער חוניו איז אויף די קניהען געפאלען, ער האט אנגעכאפט די שווערד פון יוחנן און זיך געבעטען:

— אלמעכטיגער! ענטשולדיג מיר, וואס איך האב דאס אומגליק געהאט צו זיין דער גרויזאמער שליח, איך בין אנ'אומגליקליכער, איך האב שוין נישט געגלויבט אין דער הילף פון מיין לאנד. אבער איצט האב איך זיך נאר אנדערש דערפיהלט, איך בעט דיך: נעם מיך אויך צו, איך וויל אויך עטוואס טהון, מיינע אלטע ליפען שווע-רען אויך צו גאט און צום פאטערלאנד.

יוחנן איז אראבגעגאנגען פון דער בימה, אנגענומען דעם אלטען מאן פאר דער האנד און איהם ארומגע-ארעמט.

— זיי מיר אלס פאטער!

די נאכט איז שוין פאראיבער, פון אונטער די בערג איז ארויסגעשווימען, די זון מיט איהרע גילדענע שטראה-לען די פערזאמעלטע האבען מיט בעגייסטערונג געקוקט אויף דער אויפ-געהענדער זון און די שטראהלען הא-בען בעלויכטען דעם קאפ פון דעם יודישען העלד.

———

אספסיינוס האט פערלאזט די שטאדט עכו און מיט אנ'ארמעע פון זעכציג טויזענד מאן איז ער אוועק בעלאגערן דאס לאנד. אספסיינוס האט בעשלאסען פריהער אנצופאלען אויף גליל, ווייל דארט האבען זיך געפונען די גרעסטע יודישע העלדען. זאל פריהער פאלען גליל, וועט שוין ירושלים זיך לאנג נישט האלטען.

אויסער דעם האט אספסיינוס גע-וואוסט, אז דער אנפיהרער פון גליל, יוסף בן מתתיהו, איז נישט קיין אנ-הענגער פון קאמף מיט רוים און דע-ריבער וועט לייכטער זיין זיך אבצו-רעכנען מיט דעם אויפשטאנד אין גליל.

די רוימישע ארמעע איז געווען זעהר גרויס. ביי דער גרעניץ האט זי זיך אבגעשטעלט און אנגענומען א קריגס-ארדנונג.

פאראויס איז געגאנגען די אראבי-שע ארמעע, וועלכע איז בעשטאנען פון לייכט-בעוואפענטע סאלדאטען. זייער אויפגאבע איז געווען אבצוהאלטען דעם ערשטען אנפאל פון שונא און אויך געגוי אויסצופארשען די וועלדער און וועגען.

נאך זיי איז געגאנגען די ארמעע מיט אלע קריגס-כלים, ווי אויך די מאשינען צו צושטערען די מויערען פון די בעפעסטיגטע שטעדט.

דאס געוועהר האט געבלאנקט אויף דער זון. די פערד האבען געהירזשעט און די ערד האט געציטערט פון דער גרויזאמער ארמעע, וועלכע האט בע-לאגערט דאס לאנד.

די איינוואוינער פון גליל, וועלכע זענען נישט געוואוינט געווען צו מלחמה האבען זיך שטארק דערשראקען. פיעל פרייוויליגע זענען זיך צולאפען אויף אלע זייטען. יוסף בן מתתיהו איז אויך ענטלאפען קיין טבריה, אין דער שטאדט וואס האט געהערט צום קעניג אגריפא.

(פארטז. קומט)

פ. בלומענקראנץ.

ווערגען „נישט-אקטועלע" אקטואליען.

1.

בירנבוים-כאר.

נאך א געוויסער הפסקה האט דער בירנבוים-כאר צוריק זיך רעארגאניזירט, אין פלוג, נישט זייענדיג בעהאווענט אין דער אחורי-הפרגוד-פאליטיק, האט זיך אויסגעדוכט, אז די סבה פון דער „אטעם-פויזע" אין דער טעטיגקייט איז פשוט: „עלטער-שוועכע", א קרענק, אויף וועלכער ס'ליידען אלע ארטיגע געזעלשאפטען נאך א האלב-יעהריגער „שווערער" פראצע.

בעקענענדיג זיך אבער נעהנטער מיט די אורזאכען, האט זיך גאר ארויסגעוויזען, אז ס'איז נאך א קרענק פערהאן אין אונזער געז. קולטורעלער ארבייט, נעמליך: אנ'אינטריגעס-מחלה.

מילא, אז אין אונזער פאליטיש געז. געמויזעכץ לשון-הרע'ווערט מען, אינטריגירט מען—איז שוין לאנג בעקאנט. דארט זענען דאך דא פערספעקטיווען: פאטעלען, יאשנע וויעלמאזשנע פאן טיטולען און אפשר אויך „פינוסע".

אבער אין אזא בעשיידענער ארבייט פון צוואנציג מענשען „זיננענדיגע", זאל זיך אויך פער'גנב'ענען די דאזיגע מחלה, איז באמת מאדנע.

ס'איז אבער דאך א פאקט! אינטריגעס, רכילות, איבערגעטריבענע אמביציעזקייט, אולטרא-עמפפינדליכקייט און נישט-חבר'שע אטמאספערע, האט גורם געווען צו דעם איבעררייס.

ווייטער דאס זעלבע. אויב מ'וויל אנ'אקציע פון אנ'אמעריקאנער סענסאציאנעלען פילם איבערפלאנצען אויפ'ן באדען פון געז. טעטיגקייט, קען קיין קולטורעלע ארבייט נישט געמאלט זיין.

* * *

דער כאר האט אבער צוריק אנגעפאנגען ארבייטען. און מיר ווילען טאקי די דאזיגע – ווי מיר גלויבען מיט אנ'ערנסטע בעציהונג – מענשען, זאגען:

קאלעקטיווע ארבייט קען נאר א קיום האבען ביי א געהעריגער אויטאדיסציפלין און פליכט - בעוואוסטזיין; שותפות'דיגע טעטיגקייט האט נור דעמאלס א האפט, ווען ס'איז פערהאן א קאלעגיאלע אטמאספער.

די חבר'שע אטמאספער קען געשאפען ווערען, בעסער געזאגט: מוז געשאפען ווערען, אויב מ'בעגעהרט באמת דעם קיום פון דער געגעבענער געזעלשאפט.

אבער איין פארבעדינג: עלאסטישקייט. אויב מענשען פערשידענע קומען זיך צונויף, כדי צו ארבייטען אויפ'ן זעלבען געביעט, מוזען זיי לכתחילה זיין פארגעברייט אויף געוויסע, לויט זייער מיינונג, אונאנגענעהמע עפיזאדען און דורכגעהן איבער זיי בשתיקה. נישט דראמאטיזירען צוליעב א קלייניכען אינצידענט, נישט פיהלען זיך געטראפען ביז'ן „אין טיעפענישען פון דער נשמה" צוליעב יעדער „שמאנצע".

* * *

אויפמערקזאם מאכענדיג די כאר-מיטגלידער אויף דער ביז - יעצטיגער מחלה ווילען מיר גלויבען, אז אין דער צוקונפט וועט דאס דאזיגע, וואס קאלידירט אונבעדינגט מיט דער ווירדע פון באמת געזעלשאפטליך-ערצויגענע מענשען, נישט האבען קיין ארט, און דער כאר וועט ווייטער פיהרען זיין סימפאטישע ארבייט מיט דער גאנצער ערנסטקייט און איבערגעגעבענקייט.

2.

צענטראליזאציע.

מיר האבען שוין אייניגע מאל בעריהרט די ערשיינונג פון היפער-אינדיווידואליזם אין כלומר'שט אינטעליגענטען טשענסטאכאוו (וואס איז יעדענפאלס א פועל-יוצא פון סנאביזם, אייגער פון אינטעלעקטועלער ענטוויקלונג, ווי מאנכע לאקאלע פאטריאטען ווילען עס אויסטייטשען).

די סעפאראציע-טענדענצען בעמערקען זיך אבער נישט נור אין דעם מאדנעם קאסטע-סיסטעם נור אויך אין דער געז. ארבייט (צו אונזער שאדען) און ווערגען זיי אין בעצוג צו דער ארטיגער קולט. ארבייט – עטליכע ווערטער.

מיר בעזיצען גרויסשטעדטישקייטס-מאניע (אויך א פראדוקט פון סנאביזם): ליגגוויסטען-קלוב, לאנדקענטשאפט-געזעלשאפט, דראמאטישע קרייזען (ביי אלע ארגאניזאציעס), „לירא" (ג"ע) א. ז. וו.

אין גרויסען כרך קען מען זיך צ. ב. ערלויבען צו עפענען א געשעפט פון בלויז שטריק אדער קראוואטען, אזוי ווי, להבדיל, „טויטע" חסידים (אומאנער) האבען די מעגליכקייט צו האבען זייערע אייגענע שטיבלעך און נישט צו טאנצען בעהאלטענערהייד נאכ'ן דאווענען אין א טשארטקאווער שטיבל.

אין א קליין שטעדטעל דאגעגען בע-קומט איהר אין געוועלב פון שמעון-יוסף-שרה'ס, וואס געפינט זיך אין מארק: אי צוקער, אי נאפט, אי מאנופאקטור, אי זשילעטקעס און א פיש-פאן. וואלט שמעון-יוסף שרה'ס געהאט בלויז קראוואטען, ווי אין כרך ווארשא, וואלט ער זיך נור געקענט אויף זיי אויפהענגען.

מיר האבען קליינשטעדטעלדיגע מעגליכקייטען הן בנוגע אינטעלעקטועלע כחות און הן (און אפשר דער עיקר) בנוגע פינאנציעלע מעגליכקייטען.

די פערוואלטונגען פון די פערשידענע געזעלשאפטען פערווענדען מעהר צייט און זארג ווי אזוי צו בעצאהלען דאס דירה-געלד ווי אויף דער עיקר'דיגער ארבייט. און צוליעב דער דאזיגער דאגה (יעדענפאלס אין א גרויסער מאס) ווערען פערוואנדעלט קולטורעלע געזעלשאפטען אין קארטען-קלובען!

אז בעת מ'האט בעגרעניצטע מעגליכקייטען, האבען מיר שוין לאנג געזאגט, איז דא איין עצה: פוזיע, צונויפגיסונג פון אלע עקזיסטירענדע געזעלשאפטען, וואס פיהרען א געוויסע קולטורעלע טעטיגקייט און קאנטינואירען די ארבייט אין פארם פון סעקציעס.

און אויב די פרעזעסען פון כל מיני געזעלשאפטען שמעקט נישט קיין פוזיע צוליעב די בענקעלעך, מיט וועלכע—אונז אלדאס גוטס געזאגט—זיי ווילען זיך מוזען געזעגנען, אבער גאר צוליעב זייערע אינטעלעקטועל-אינדיווידואליסטישע נייגונגען – ווילען זיי אויך להבא זיין געצוואונגען צו בעגרעניצען זייער טעטיגקייט ארום שאפען דירה געלד און זוכען קארטען-און ברידזש-מיטלען, כדי צו „זאכענטשען" די מיטגלידער...

* * *

אמת, נאכאמאל זיך איבער'חזר'ט: דעם שוין ארויסגעזאגטען געדאנק במלים שונות. אבער דער ענין—אויפ'ן סמך פון אונזערע געשפרעכען מיט פערשידענע מענשען—איז אונבעדינגט ווייטער אקטועל און נויטווענדיג. א סך יונגע מענשען, טראץ דעם גאנצען געזעלשאפטס-רחבות און עשירות, האבען זיי ווייטער נישט קיין מקום-מקלט וואו זיך אויסצולעבען.

און דעריבער ווילען אפשר דאך די אנפיהרער פון די דירה'דיגע און עקסמיסירטע געזעלשאפטען א טראכט טהון וועגען אויבענגעזאגטען?

ס'וואלט בעשטימט כדאי געווען!

דעם 3 מערץ ווילען זיך אלע אויף
דעם טראדיציאנעלען באל
„עדלידע".

משה אש

צום 100-יעהריגען יובל פונ'ם אלטען בית-המדרש.

(תקצ"ד — תרצ"ד).

(סוף).

ר"ח אדר תקצ"ד (1834) האט דאס טשענסטאכאווער בד"צ, וואס איז בעשטאנען פון פאלגענדע דריי דיינים: ר' משה מייזל (געוועזענער דירנפארטער רב), ר' נתן אדערבערג און ר' יעקב אלי' ראזען מיט דער הסכמה פון היגען גביר און למדן ר' יונה לאנדא (שטשעקאטשינער רב) ארויסגעגעבען א כרוז, אז אלע היגע יודען זאלען זיך צוזאמענקומען ז' אדר אין טאג פון משה רבינו'ס יאהרצייט – אין דער שטאדט-שוהל.

ז' אדר נאכמיטאג האט דער אונטער-שמש פון דער היגער קהלה ליפמאן פוקאטש, וועלכער האט גלייכצייטיג פערנומען דעם אמט אלס שוהל-קלאפער (דעריבער האט ער בעקומען דעם פאמיליען-נאמען „פוקאטש") מיט'ן קהל'שען האמער געקלאפט אין אלע טהירען, וואו עס האט נאר געוואוינט א יוד און זיי גערופען „אין שוהל ארייין!"

ווי ס'איז גאר גאכט געווארען, איז די שוהל פערפולט געווארען מיט אנשים נשים וטף. די דיינים און אויך הרב לאנדא האבען געהאלטען דרשות און אויפגעקלערט די בעדייטונג פון ז' אדר, דעם געבורטסטאג און יאהרצייט פון משה רבינו, דורך וועמען די תורה איז געגעבען געווארען. זיי האבען אבער אנגעוויזען, אז עס איז נויטיג פאר דער היגער שטאדט אנ'ארט וואו די תורה צו לערנען און דעריבער אויפגעפאדערט די היגע יודען, אזוי גוט די בעלי - בתים, ווי חסידים, זיי זאלען אנטייל נעמען אין בנין פון א גיי גרויס בית המדרש, וואס זאל פאסען פאר אזא קהלה, ווי די טשענסטאכאווער.

נאך די דרשות זענען אלע פערזאמעלטע איבערגאנגען אין דער וואוינונג פון ראש הקהל גרשון לאנדא (דער גרויסער גרשון), וואו עס איז געווען צוגעגרייט פון כל טוב, דער חזן ר' לייבעל קאנטאר האט יעדען היגען תושב געמאכט א מי שברך מיט א „בעבור שנדר" פאר'ן בית-המדרש-בנין, אזוי אז עס האט זיך צוזאמענגענומען א שעהנע סומע, וועלכע איז געווען א גרונד-קאפיטאל צום בנין.

אויף דער זעלבער פערזאמלונג איז בעשלאסען געווארען צוריק צו בעשטימען דעם אלטען ראש הקהל ר' לייבעלע קאהן אלס ערשטען פרנס פון דער היגער קהלה, צוזאמען מיט ר' גרשון לאנדא און יצחק פריימאן.

בכדי אבער ס'זאל נישט ווידער ארויסקומען די אלטע מחלוקה מיט די חסידים וועגען פערבאט צו דאווענען „נוסח ספרד" אין בית המדרש, וואס ס'האט פעראורזאכט דעם גאנצען דורכפאל פון דער אקציע, איז בהסכם אלע צדדים בעשלאסען געווארען, אז עס זאל קיין נייע תקנות נישט געמאכט ווערען, נאר מ'זאל איינשרייבען אין פנקס דבהמ"ד, דאס די התנהגות אין בית המדרש זאל בלייבען ווי ביז יעצט, אזוי, אז יעדער צד זאל זיך דאס קענען אויסטייטשען ווי איהם געפעלט.

אום צו פערגיטיגען דעם אנפיהרער

וואס געהערט וואס געזעהן.

29 ציוניסטישע ארגאניזאציעס.

עס'איז נישט לאנג האב איך אייך געמאלדען וועגען 22 ציוניסטישע ארגאניזאציעס, וואס מיר פערמאגען אינערהאלב דער ציוניסטישער פארטיי. פון דאמאלס ביז היינט אבער האבען מיר געמאכט א גרויסען פארטשריט – די ציוניסטישע בעוועגונג האט זיך פערגרעסערט און איז געוואקסען קיין עין הרע אין אזא צאהל, וואס מיר בעצייכענען מיט'ן ציפער 29.

ואלה הם:

1) מזרחי, 2) דת העבודה, 3) ברוריה, 4) תורה ועבודה, 5) השומר הדתי, 6) אלגעמיינע ציוניסטען – על המשמר, 7) עת לבנות, 8) החלוץ הכללי הציוני, 9) הנוער הציוני, 10) עקיבא, 11) ברית הצהר, 12) ברות החייל, 13) ברית תרומפלדור, 14) ברית ישורון, 15) נורדיה, 16) יודענשטאטס-פארטיי, 17) החלוץ המדינתי, 18) ברית הקנאים, 19) התאחדות, 20) איחוד, 21) גורדניה, 22) גוש העבודה, 23) השומר הצעיר, 24) רעכטע פ. צ., 25) „פרייהייט", 26) הפועל, 27) לינקער החלוץ, 28) רעכטער החלוץ און 29) ויתיקון.

מיט דעם אבער האפט מען וועט עס זיך נאך נישט אויסשעפען, די בעוועגונג האלט אין איין וואקסען, און זייט זיכער, קינדער פון ישראל, אז ארגאניזאציעלעך ווילען זיך מעהרען און פרוכבערען, ווי שוואמען נאך א רעגען. איך בין אייך אגב מבטיח, אז יעדע נייע ארגאניזאציע, וואס וועט געשאפען ווערען, וועל איך באלד פער-אייביגען לזכרון, כדי די צוקונפטיגע דורות זאלען וויסען, אז בזמן הזה איז געווען א גרויס גערעטעניש אויף פארטייען און קרעמלעך.

יא, אקעגען וואס אייגענטליך האב איך היינט אייך דערצעהלט וועגען די 29 ארגאניזאציעס, וואס מיר פערמאגען אין דער ציוניסטישער פארטיי, אקעגען דעם, וואס מיר האלטען דאך ביי שטאדט ראט וואהלען אין עס גרינדעט זיך אנ'איינהיימליכער יודישער בלאק, ווייל איך אז די אינציאטארען פון בלאק זאלען חס ושלום נישט פערגעסען אין איינער פון די אויסגערעכנטע ארגאניזאציעס, כדי נישט ארייננצובריינגען קיין מיספערשטענדנישען און אומזיסטע עגמת נפש'ן...

אמת, איך האב גלייכצייטיג געדארפט צוליעב דעמזעלבען אייך דערצעהלען וועגען אלע אנדערע פארטייען און גרופעלעך, וואס זענען פערהאנען ביי אונז אין שטאדט, כדי מען זאל אויך אין קיינעם פון זיי נישט פערגעסען, אז דער וקבצנו יחד זאל זיין מיט'ן גאנצען קנאק. דערווייל אבער האב איך זיך בעגנוגענט געלאזט מיט איין אבצווייג – מיט דער ציוניסטישער פארטיי, וועלכע האט בלויז ביי אונז אין שטאדט גאנצע 29 ארגאניזאציעס.

שמור את נפשך.

די דאקטוירים בעקלאגען זיך שטארק, אז זיי האבען נישט קיין פרנסה, דערפאר, ווייל עס קומען נישט צו קיין קראנקע פאציענטען.

עס ווילט זיך אפער דאך זיי נישט גלויבען, אז מענשען זאלען האבען אויפגעהערט צו קרענקען. אמת די מעדיצין שטעהט היינט אויף א הויכען ניווא, אבער דאס איז דאך נישט משמע, אז מענשען קרענקען נישט. אדרבה, וואס מעהר מען ערפינדעט נייע היילמיטלען, אלץ מעהר יאווען זיך נייע קראנקהייטען... אז זיי האבען אבער דאך נישט קיין פאציענטען (פאציענטען – יאק פאציענטען, נאר קיין גראשען פאר די אויגען זעהען זיי פאקטיש נישט...) האבען די דאקטוירים בעשלאסען: אויב די קראנקע קומען נישט צו זיי, ווילען זיי געהן צו די קראנקע.

אויף א זיצונג פון „טאז" איז בעשלאסען געווארען איינצוארדנען יעדען פרייטאג אוונד א פארלעזונג אין לאקאל פון האנדווערקער-פערבאנד וועגען פערהיטען זיך דאס געזונט. גראדע די פארלעזונגען האבען גרויס ערפאלג און בעת דער דאקטאר רעדט, למשל, וועגען דער ראק קראנקהייט, הערט זיך א זיפצען צווישען עולם, וואס איז משמע, אז נישט איינער ליידט נעביך אויף דער מחלה, נאר וואס זאל ער נעביך טהון, אז קיין געלד צו דאקטערען האט ער נישט.

איינער, א לץ האט מיר געטהון אזוי צו זאגען:

די דאקטוירים האבען עקסטרא איינגעארדענט די פארלעזונגען און רעדען וועגען פערשידענע קראנקהייטען, כדי מיר זאלען זיך דערמאנען וועגען אונזערע מיחש'ען און מיר זאלען זיך קומען צו זיי קורירען. ווער קען זיי נישט די קאמבינאטארען, די דאקטוירים...

איך בין זיי דערון נישט חושד, הס ושלום, איך האלט גאר פשוט, אז די דאקטוירים זעפען געוואוינט, אזוי ווי דער שוסטער ביי שיך, צו בעטראכטען קראנקע, און אזוי ווי היינט איז זעלטען בנמצא א קראנקער, וועלכער זאל זיך געהן היילען צו א דאקטאר צוליעב חסרון כסף, האבען די דאקטוירים איינגעארדענט פארלעזונגען, כדי כאטש צו רעדען וועגען קראנקהייטען...

עס וועט מוזען קומען צו א דין תורה.

וועגען א סכסוך, וואס ווערט פערוואנדעלט אין כמעט א סקאנדאל, דערצעהלט מען אין שטאדט – דאס איז צווישען דער „מזרחי"-ארגאניזאציע מיט'ן אייגענטימער פון הויז ה' פ.

די „מזרחי" האט געדינגען עטליכע צימערן, וואס גרעניצען זיך מיט זייער לאקאל און ווי זיי זאגען בעצאהלט פאראויס פאר א קווארטעל דירה-געלד. איז זיך אבער דער בעל-הבית מיישב און פערדינגט די דירה א פריוואטער פערזאן, און פייפט אן דער ארגאניזאציע. קומען דאך צו לויפען די פארשטעהער און שרייען: געוואלט, גזלן, וואס האסטו געטהון?! האט אבער דער בעל הבית, א יוד א בן תורה, אויך א טענה: הלמאי?! (נו זיינע טענות בין איך נישט מחויב צו דערצעהלען), דערווייל ווערט דער סכסוך שארפער און ס'קאן דערגעהן צו א דין תורה.

כאטש אייגענטליך איז די זאך נישט צו פערשטעהן. די פארשטעהער פון „מזרחי" זענען, פאר אונז גערעכט, אויך הויז-ווירטען, טא ערשטענס, פאר-וואס האבען זיי, וועלכע קאנען זיך אויף אזעלכע שטיקלעך, געלאזט אנפרייערען, והשנית, קאנען זיי דאך איהם רופען אין בעל בתים פעראיין אויף א משפט. יענער הערט זיי אבער ווי אין טראק, און ווי עס ווייזט אויס ווילען זיי אין גוטען נישט אדורכקומען.

פארטייאישע קאנקורענץ.

פערהאנען צוויי יודישע סאציאליסטישע פארטייען אויף דער גאס, וועלכע פיהרען לעצטענס צווישען זיך א געוואלטיגע קאנקורענץ אויף אלע געביעטען.

דאס איז דער „בונד" און די רעכטע פ. צ.

ביז נישט לאנג זענען די פ.צ. געווען א קליינע אונבעדייטענדע פארטיי, נאר זינט דער לעצטער צייט, ווען ארץ ישראל האט אנגעהויבען צו ווערען אנ'עליה-לאנד, און דער עיקר, ווען זייערע פארשטעהער האבען פערנומען די וויכטיגסטע אמטען אין ארץ ישראל און פיהרען אן מיט דעם אפאראט, האבען זיי בעקומען א סך אנהענגער און זענען געווארען א מאסען-פארטיי.

ווי אזוי זיי פיהרען זייער סאציאליסטישע ארבייט אין ארץ ישראל, ווייס איך נישט, נאר אין גלות ווילען זיי דוקא פערקאנקורירען מיט'ן „בונד".

ווען, למשל, עס ברעכען אויס די אונרוהען אין עסטרייך און עס דעמאנסטרירט? פאר'ן עסטרייכישען קאנסולאט דער „בונד", דעמאנסטרירען אויך די פ. צ. בעגרעניצט מען די עליה קיין ארץ ישראל, און מען מאכט א געיעג אויף טוריסטען, דעמאנסטרירט נישט דער „בונד" פאר'ן ענגלישען קאנסולאט, דעמאנסטרירען די רעכטע פ. צ. אויך נישט... גיבען די בונדיסטען ארויס א טאג-בלאט, גיבען די

פון די היגע חסידים ר' יוחנן לערנער (זיין שוואגער, ר' יאסקע פרידמאן, איז במשך דער צייט געוואָרען רבי אין דזיאלאָשיץ און פערלאָזט אונזער שטאָדט), איז אויף דער זעלבער אסיפה בעשלאסען געוואָרען דורך די ראשי הקהלה און אלע פערזאַמעלטע צו בעשטימען פאר איהם דעם ערשטען מזרח פלאץ לינקס, אין ניי-געבויטען בית המדרש.

דעם ערשטען מזרח-פלאץ רעכטס האבען בעקומען די שותפים יצחק ווינער און הירש גורסקי, וועלכע האבען לטובת דעם בנין געגעבען א גרויסע נדבה.

דער טאָג פון ז' אדר תקצ"ד (נעכטען געוואָרען 100 יאהר) איז געוואָרען פערצייכענט אלס ערשטער גרינדונגס טאָג פון נייעם בית-המדרש.

באלד צומאָרגענס האט זיך די קהלה גענומען צו דער פאָרבערייטונגס-אַרבייט, געוואנדעט זיך צו דער מאכט וועגען בעשטעטיגען דעם בוי-פלאַן, ווי אויך וועגען ערלויבען זיי צו פערקויפען דורך א ליציטאַציע די פרייע פלעצער אין דער שוהל און דאס געלד צו בענוצען צום בהמ"ד-בוי.

דער מאַגיסטראַט האט דעם פלאַן בעשטעטיגט, דאַגעגען די צווייטע בקשה אבגעזאגט, ערקלערענדיג, אז אויב עס איז נישטאַ קיין געלד דאַרף מען נישט בויען קיין בנינים.

מיט א קורצער צייט שפּעטער האבען זיך די ראשי הקהלה אַנ'עצה געגעבען און זיך געווענדעט צו דער וואיעוואודזטווע מיט דער זעלבער בקשה אנגעבענדיג, אז זיי ווילען רעמאַנטירען דאס בית-המדרש און די מקוה און אזוי-ארום בעקומען דערויף די הסכמה פון דער מאכט.

די ליציטאַציע איז פאָרגעקומען דעם 3 ווזשעשען 1835 אין דער אַנוועזנהייט פון די ראשי-הקהלה און דריי בעלי-בתים, ספּעציעל געוועהלטע צו דעם צוועק דורך די היגע יודען: חיים משה לאנדא, מאיר מייזעל, בער בן מרדכי קאָהן און קהלה-סעקרעטאר יעקב בורשטינסקי, ווי אויך דעלעגאט פון מאַגיסטראט ה' זאַקושעווסקי און זי האט געברענגט ריינעם ריוח 5947 גילדען, וואס איז בעשטימט געוואָרען צום נייעם בוי.

א חוץ דעם האבען די ראשי-הקהלה פערקויפט די מזרח פלעצער, וועלכע זענען אבגעקויפט געוואָרען דורך די היגע נגידים: מענדל האָראָוויטש, יוסף זאנד, הערצל קאהן, יעקב לאנדא, יוסף קאהן, דאזאר לייבל קאָהן, ערשטער גרינדער פון דער היגער קהלה חיים משה לאַנדא, דאָבראַ שפּירא (די אלמנה פון מגפה קרבן און ערשטען דאָזאַר מאיר שפּירא), גרשון סגל לאַנדא און אנד. פון די פערקויפטע פלעצער איז געזאַמעלט געוואָרען אַ גרויסע סומע.

ערשט ווען די מנהיגי הקהלה האבען שוין נעהאַט א בעדייטענדען סכום צו דעם צוועק און זענען געווען זיכער, אז זיי וועלען נישט בלייבען שטעהן איבער חסרון-כיס אין מיטען דער ארבייט, האבען זיי זיך אין יאהר תקצ"ו גענומען צום בנין.

אסרו-חג שבועות זענען אלע בעלי-בתים, וועלכע האבען געקויפט פּלעצער אין נייעם בית-המדרש, זיך צוזאַמענגעקומען און געוועהלט חמשה אנשים לויט די תקנות פון תקפ"א (1821), וואס זאלען פערוואלטען מיט'ן בית-המדרש. דער קאָמיטעט איז בעשטאַנען פון גרשון סגל לאַנדא (דער קליינער גרשון), יצחק לייב בערמיינסקי, יהודה לייב טענענבוים און אייזיק שמעון גינסבערג.

אלס אויפזעהער איבער'ן בוי פון בית-המדרש איז דורך די פרנסים און חמשה אנשים בעשטימט געוואָרען דער היגער כלל-טוהער ר' מאיר מייזל.

דער קאָמיטעט האט אויך געהאַט רעכט צו בעשטימען וואס פאר א פלאץ יעדער בית-המדרש-מיטגליד זאל בעקומען פאר זיך און פאר זיין פרוי אין „עזרת נשים".

ר' יוחנן לערנער האט זיך גישט דערוואַרט ביז דאס ביהמ"ד איז פערטיג געוואָרען און איז אין זעלבען יאָהר תקצ"ו געשטאָרבען; זיין פלאץ האט פערנומען זיין נאכפאָלגער ר' משה אפּענהיים.

כאַראַקטעריסטיש איז, אז אין דער צייט, ווען אין אונזער קהלה זענען אויפגעשטעלט געוואָרען פערשידענע וואָהלטעטיגע בנינים, וואס בעטרעפען ריזיגע סומען, ווען אלע אינסטיטוציעס זענען פערגרעסערט און פערשענערט געוואָרען, געפינט זיך דאס ביהמ"ד אין זעלבען מצב, וואס מיט הונדערט יאהר צוריק.

בלוט, הויט און נערוועז-קראַנקע דערגרייכען רעגולערע פערדייאונגס-פערהעלטענישען דורכ'ן געברויך פון נאַטירליכען ביטערוואסער Franciszka Józefa

אַ קאַנקורס פון „יוואָ" אויף דער בעסטער אויטאָביאָגראַפיע פון א יודישען יוגענדליכען.

קיינמאל איז נאָך די לאַגע פון דער יודישער יוגענד נישט געווען אזוי קאָמפּליצירט ווי היינט. די מאַטעריעלע בעדינגונגען זענען שווערע, די דערציהונג-סיסטעמען האבען פערלאָזען זייער אמאליגע איינהייטליכקייט און פעסטקייט, די סביבה איז דיפערענצירט און פאַדערט פון דער יוגענד אַנ'אייגענע אָריענטירונג. דער היינטיגער יוגענדליכער האט אַנדערע איבערלעבונגען איידער דער פערגאַנגענער דור און זיין פלאץ אין דער געזעלשאפט איז אויך אַנ'אַנדערער. אַבער אין וואס דוקא עס בעשטעהן די אונטערשידען, דערויף קען קיינער נישט געבען קיין פולע תשובה איידער מען ווייסט די פאַקטישע סיטואַציע. און אויף צו פערשטעהן די סיטואַציע מוז מען הערען די שטים פון דער יוגענד גופא; זי אליין מוז דערצעהלען וועגען איהרע פסיכישע און סאָציאלע פּראָבלעמען.

כדי צו לאַזען קומען די יוגענד צום וואָרט, בעשטימט דער יודישער וויסענשאפטליכער אינסטיטוט (ייוואָ) א קאַנקורס אויף דער בעסטער אויטאָביאָגראַפיע פון א יודישען יוגענדליכען.

פאַר די בעסטע אויטאָביאָגראַפיעס זענען בעשטימט 20 פרעמיעס: ערשטע 150 גילדען, צווייטע—100 גילדען, דריטע—60 גילדען, פערטע—40 גילדען, פינפטע און זעקסטע—אַ 25 גילדען, זיבעטע ביז צוואַנציגסטע—צו איין באַנד פון די ייוואָ אויסגאַבען.

נעמען אַנ'אַנטייל אין קאַנקורס קען יעדער יונגערמאַן און יעדעס מיידעל אין עלטער פון 16 ביז 22 יאהר. בילדונג, אבשטאַם, בעשעפטיגונג, פאַרטייאישע צוגעהעריגקייט מאַכען נישט אויס. א שלעכטער סטיל איז אויך נישט קיין שטערונג צו קריגען די פרעמיע.

מיינט נישט, אז בעטייליגען זיך קען נאָר דער, וואס האט געהאַט אויסערגעוועהנליכע איבערלעבענישען. די צאָהל און די אויסטערלישקייט פון די פאַקטען איז נישט וויכטיג, אלץ, וואס ווערט געפאָדערט איז: די אויטאָביאָגראפיעס זאלען זיין אויפריכטיג, פונקטליך און פּרטים'דיג.

אויפריכטיג: נישט דערצעהלען קיין מעשיות וואס נישט געשטויגען, נישט געפלויגען אויף צו מאַכען די בעשרייבונג „אינטערעסאַנטער". פון דער אַנדערער זייט דאַרף מען אויך נישט בעהאַלטען קיין איבערלעבונגען, ווייל דעמאָלט וואָלט דאָך פערקרימט געוואָרען דאס בילד. דערצעהלט'ס אָפענהאַרציג וואס עס איז מיט אייך געשעהן און ווי אזוי איהר האט דאס אויפגענומען און איבערגעלעבט.

פונקטליך: רעדט נישט ארום און ארום. וואס ווייניגער מליצה.

פּרטים'דיג: דערצעהלט יעדע זאַך מיט וואס מעהר איינצעלהייטען, מיינט נישט, אז „קלייניגקייטען" זענען נישט וויכטיג.

יעדע אויטאָביאָגראַפיע דאַרף האַלטען צום ווייניגסטען 25 זייטען פון א העפט; אבער וואס מעהר אלץ בעסער, ווייל אלץ קלאָרער ווערט די פערזענליכקייט פונ'ם שרייבער. פליסט זיך צו שרייבען וואס דייטליכער, נישט געצוקט; שרייבט בלויז אויף איין זייט פאפּיר.

יעדער שרייבער האט פולע פרייהייט ביים אויפשטעלען דעם מאַטעריאַל; מיר רעכענען אבער, אז דאס גרינגסטע איז צו שרייבען אין אַ כראָנאָלאָגישען סדר. אויך ביים אויסקלויבען דעם מאַטעריאַל איז יעדער פריי. פונדעסטוועגען רופען מיר אָן עטליכע פונקטען וואס עס איז כדאי צו בעריהרען:

איהר און אייער משפחה. בעציהונגען צווישען די פאַמיליע-מיטגלידער. מלחמה-יאהרען. לעהרער, שולען און וואס זיי האבען אייך געגעבען. חברים, חבר'טעס, בעציהונגען מיט זיי, יוגענד-אָרגאַניזאַציעס, פאַרטיי-לעבען און וואס דאס האט אייך געגעבען, ווי אזוי זענט איהר געקומען צו א פאַך א ער ווי אזוי קלויבט איהר זיך צוצוקומען. וואָסער פאַסירונג אין אייער לעבען האט אויף אייך געמאַכט דעם גרעסטען איינדרוק.

אויב דער שרייבער האט ווען עס איז געפיהרט א טאַג-בוך, זאל ער דאס אויך צושיקען. דאס וועט געבען א בעסער בילד פון דעם שרייבער'ס פערזענליכקייט, ממילא איז עס א סגולה צו קריגען א פּרעמיע. ווער עס וועט פערלאַנגען, וועט נאכדעם בעקומען דאס טאַגבוך צוריק.

אין דער אויטאָביאָגראַפיע דאַרף מען בלויז אָנווייזען עלטער און געשלעכט, אָבער נישט די פאַמיליע און נישט דעם אַדרעס. אונטערשרייבען דאַרף מען מיט עפּיס א פּסעוודאָנים אָדער אַ סימן. דעם זעלבען סימן אָדער פּסעוודאָנים דאַרף מען אָנשרייבען אויף א בעזונדערער קאָנווערט, אין דעם קאָנווערט אריינלייגען א צעטיל מיט דער פאַמיליע און דעם אַדרעס און דעם קאָנווערט פאַרקלעבען. די דאָזיגע קאָנווערטען וועט מען עפענען ערשט נאכדעם ווי די פרעמיעס וועלען זיין בעשטימט. ווער עס וויל מעג אינגאַנצען נישט אויפדעקען זיין פּסעוודאָנים. אנשטאט דעם זאל ער אָנווייזען אין קאָנווערט אַנ'אַדרעס, וואוהין מען זאל עווענטועל קענען ארויסשיקען די פרעמיע.

די ארבייטען דאַרפען אבגעגעבען ווערען פּערזענליך אָדער אבגעשיקט ווערען רעגיסטרירט דורך פּאָסט, מיט דער בעצייכנונג: „האַנדעלס-פּאַפּירען (מאַנוסקריפּט)", נישט שפּעטער ווי ביז'ן 1 יולי 1934. דער רעזולטאַט פונ'ם קאַנקורס וועט געמאָלדען ווערען דעם 1 סעפּטעמבער 1934 און באַלד נאכדעם וועלען פונאַנדערגעשיקט ווערען די פרעמיעס. די הוצאות פון צושיקען דעם מאַנוסקריפּט וועט דער ייוו"א דעקען אלע אַנטיילנעמער אין קאַנקורס, אלץ איינס צי זיי וועלען בעקומען א פּרעמיע צי ניין.

אלע צוגעשיקטע ארבייטען ווערען דאס אייגענטום פון ייוואָ, וועלכער וועט קענען פּובליקירען, גאַנץ אָדער טיילווייז, אויך יענע אַרבייטען, וואס האבען נישט בעקומען קיין פרעמיע. פאַר אלע אַרבייטען, וואס וועלען געדרוקט ווערען בעצאָלט וועט געצאַהלט ווערען האָנאָראַר.

דער ייוואָ פערזיכערט, אז אלע צוגעשיקטע מאַטעריאַלען וועלען בעהאַנדעלט ווערען אַבסאָלוט דיסקרעט. אחוץ געצעהלטע עטליכע פאַרשער וועט קיינער דעם מאַטעריאַל נישט דורכקוקען. פּובליקירען וועט מען דעם מאַטעריאַל נאָר מיט'ן הסכם פון די מחברים. אויב די מחברים זענען מסכים אויף פּובליקירען, נאָר זיי ווילען, אז זייערע נעמען און די נעמען פון אַנדערע אָנגערופענע פּערזאָנען זאָלען נישט דערמאָנט ווערן, איז געווענג דאס צו בעמערקען, וועט די פאָדערונג שוין שטרענג אָבגעהיט ווערען.

דער ייוואָ איז גרייט צו געבען גענויערע אויפקלערונגען וועגען דעם קאַנקורס. אנפרעגען זיך שריפטליך אויפ'ן אַדרעס:

Żydowski Instytut Naukowy
Wilno, Wiwulskiego 18.

אלע נייעסטע סיורפּריזען פון יאָהר 1934 וועסטו זעהן אויפ'ן באַל
„ערלירע".



פ. צ. אויך ארויס א טאָג פלאַט. מאַכען די בונדיסטען א פּרעסע-טאָג דעם 18-טען, מאַכען די פ. צ. זייער פּרעסע-טאָג אויך פונקט דעם 18-טען. ווילען די בונדיסטען געהן מיט די פ.פּ.ס. צו די וואהלען אין שטאָדט-ראַט, זאָגען די פ. צ., אז זיי זענען די אמת'ע מחותנים מיט די פּ. פּ. ס. — מיט איין וואָרט, וואס עס טראַכט צו טהון דער „בונד", פערלויפען זיי פריהער-אויפ די פ. צ. הכלל, עס קומט פאַר א געיעג וועגען דער העגעמאָניע. איין זאַך נאָר, מיט וואס די פ. צ. האבען נישט מורא פאַר קיין קאָנקורענץ זענען די סערטיפיקאַטען. ווען חס ושלום דער „בונד" זאל זיך נאָך נעמען צו סערטיפיקאטען-קאָנקורענץ, וואָלט שוין געווען איינמאל היימליך...

אויף אַנדערע געביעטען אבער, אין דער גלות-ארבייט, קומט פאַר צווישען די אויבענדערמאָנטע ריכטונגען א גרויסע פאַרטייאישע קאָנקורענץ.

ווער איז געווען דער בר-מזל?

נישט קוקענדיג דערויף, וואס דער עולם וואַרט שוין און האָפט אויפ'ן צווייטען מיליאָן, וועלכער זאל אריינפאַלען קיין טשענסטאָכאָוו (אזוי יעדענפאַלס פערזיכערען די קאָלעקטאָרען אין זייערע רעקלאַמעס), האט מען נאָך נישט פערגעסען צו רעדען וועגען דעם מיליאָן, וואס איז פאַקטיש געווינען געוואָרען.

אט, למשל, רעדט מען, אז איינער פון די „מיליאָנערען" האט דאָך געעפענט דאס בייטעלע און האט ארויסגעוואָרפען א ביסעל געלד פאַר פילאַנטראָפּישע איסטיטוציעס. אזוי רעדט מען וועגען נאָך א צווייטען געווינער, אז אויך יענער האט געשיקט נדבות פאַר עטליכע אינסטיטוציעס, דאַגעגען דער דריטער געווינער האט פערשלאָסען טהיר און טויער און וויל נישט געבען קיין איין גראָשען.

אויך שמועסט מען, אז דער מיליאָן האט געמאַכט אזאַ רעש, אז מענשען האבען אנגעהויבען שפּילען אין די גזמאות און עס האט אין טשענסטאָכאָוו, נישט קוקענדיג דערויף, וואָס מען האט דאס מאל געבראַנגט א גרעסערע צאָהל לאָסען, אויסגעפעהלט צעטלען.

נאָר דער עיקר איז, וואָס מען שמועסט, אז די אלע דריי יודישע געווינער זענען מתפללים פון איין בית תפלה פון מנין אלעע 36.

דערוועקט זיך איצט א פראַגע: ווער איז געווען דער אמת'ער בר מזל — די קאָלעקטור אָדער דאס בית תפילה, אָדער ביידע צוזאמען? נו, אדרבה, אפשר קאָנט איהר לעזען אזאַ רעטעניש— ווער ס'איז ריכטיג געווען דער בר-מזל?

פעסט און זיכער.

דעם אמת מוז מען זאָגען, אז פון אלע אָרגאַניזאַציעס און געזעלשאַפטען, וואָס האבען זיך לעצטענס ביי אונז געשאַפען, האט דער „אחיעזר" דעם גרעסטען ערפאָלג און וואָס ווייטער ווערט זי שטאַרקער און פעסטער.

באַלד אין אָנהויב האבען מענשען נעקוקט מיט בטול אויף דער אינסטיטוציע, און ווען עמיצער האט בעוויליגט זיך צו פערשרייבען, זענען די אָרגאַניזאַמאַרען געווען העכסט צופרידען. איצט אבער, ווען זיי האבען אויסגעהאַלטען די ערשטע צייטען פון קריזיס, און די אָרגאַניזאַציע האט בעקומען א פעסטען באַדען אונטער די פיס, שטראָמען מענשען און ווילען ווערען מיטגלידער, קומט עס זיי אבער היינט שוין נישט גרינג אָן.

דער ערפאָלג פון דער אינסטיטוציע נעמט זיך דערפון, וואס זיי, די אָנפיהרער, בעציהען זיך מיט ערנסט און איבערגעבענהייט צו זייער אַרבייט.

טרעפט אמאל ר"ל, אז עמיצער פון די מיטגלידער שטאַרבט, ווערט די לויה איינגעאָרדענט מיט כבוד און עהרפורכט. אויך ווערט געפיהרט אַנ'אָרדנונג בעת דער לויה און עס בעטייליגט זיך אַנ'עהרען-וואַך פון דער אינסטיטוציע, און דער עיקר — די אלמנה פון פערשטאָרבענעם מיטגליד בעקומט א געוויסע סומע געלד, כדי זיך צו קאָנען שטעלען אויף די פיס

איבערהויפּט האט די אינסטיטוציע א מעלה, וואָס זי פיהרט אַנ'אונפּאַרטייאישע ארבייט און פערנעמט זיך אויסשליסליך מיט איהרע אָנגעצייכענטע אויפגאַבען.

דאָס איז די סיבה, וואָס דער „אחיעזר" ביי אונז אין שטאָדט ווערט וואָס אמאל אלץ פּאָפּולערער. און מיט רעכט קאָן מען זאָגען אז פון אלע אינסטיטוציעס און געזעלשאַפטען איז דער „אחיעזר" די איינציגע, וואס איז פעסט און זיכער.

טויזענד זלאָטעס א טאָג און דאָך...

די וואָך האט דער „דאָבראָטשיננאָשטש" אבגעהאַלטען די 32-טע אַלגעמיינע פערזאַמלונג. ס'האט זיך אַרויסגעוויזען, אז דער „דאָבראָטשיננאָשטש" מיט אלע זיינע אָבטיילונגען האבען לויט דעם אויסגעאַרבייטען בודזשעט טויזענד זלאָטעס הוצאות טעגליך, ד. ה., אז טאָג-טעגליך גיט דער „דאָבראָטשיננאָשטש" אויס פאַר דער יודישער בעפעלקערונג גאַנצע טויזענד זלאָטעס.

דאַכט זיך, אז אין דער היינטיגער קריטישער צייט איז דאס א בעדייטענדע סומע און דאָך — זענען אויף דער יעהרליכער אלגעמיינער פערזאַמלונג געווען אַנוועזענד גאַנצע... 14 פערזאָן, צווישען זיי 10 פערוואַלטונגס-מיטגלידער, דריי געוועהנליכע מיטגלידער און דער 14 טער—דער סעקרעטאַר פון דער אינסטיטוציע.

פאַרוואס דאס איז אזוי, ווייס איך נישט און מיר דאַכט זיך, ענטשולדיגט פאַר מיין מיינונג, אז ווען אפילו מיר, פּרעסע-לייט, וועלען אייך חשוב'ע הערן לויט דער ביטע פון די דאָקטוירים סטעפאַן קאָן און באַטאַוויע, צוליעב טהון און וועלען אלאַרמירען אין דער פּרעסע וועגען דעם, אז די ברייטע מאסען זאלען קומען אויף דער פערזאַמלונג, וועט אויך נישט העלפען. נעמט אין אַכט, אז דער „דאָבראָטשיננאָשטש" עקזיסטירט גאַנצע 32 יאָהר און פונדעסטוועגען האט איהר נאָכנישט בעוויזען, אז עס זאל קומען כאָטש א מנין מיטגלידער אויף אייערע אלגעמיינע פערזאַמלונגען. מען מוז דעריבער די סיבה זוכען אַנדערשוואו. אונזער אַגיטאַציע וועט דאָ גאָרנישט העלפען.

איהר דאַרפט, לויט מיין מיינונג, זיך פערטראַכטען איבער דעם ענין און דאַרפט אליין, אויב איהר ווילט באמת, אז די ברייטע יודישע געזעלשאַפט זאל זיך מיט אייער אינסטיטוציע פעראינטערעסירען, געפונען דעם אויסוועג...

מיר וועלען אונזער חוב ערפולען. מיר וועלען שרייבען, מיר וועלען אַפּעלירען, נאָר איך זאָג אייך למפרע, אז ביז איהר וועט גישט ענדערן דעם ביזיעצטיגען סיסטעם, וועט גאָרנישט העלפען.

עס איז דאָך ווירקליך נישט צו פערשטעהן, אז אויף אַנ'אלגעמיינער פערזאַמלונג פון אַזאַ אינסטיטוציע, וואס גיט אויס טויזענד זלאָטעס טעגליך פאַר די בעדערפנישען פון דער יודישער אָרימקייט און וועלכע פערמאָגט 18 פערוואַלטונגס-מיטגלידער און 3 אין דער רעוויזיאָנס-קאָמיסיע, זאלען קומען סך-הכל גאַנצע 14 פערזאָן.

דערפאַר אבער איז די פערזאַמלונג אדורך אָהן שטורם און דיסקוסיעס און אין משך פון עטליכע געצעהלטע מינוטען זענען מיר געווען פריי, הלואי אלע יודישע אסיפות געזאָגט...

פונדעסטוועגען אבער ווערט קאָלעמוטנע אויפ'ן האַרצען, ווען אַנ'אינסטיטוציע, וועלכע איז אזוי פערצווייגט האט ביי דער בעפעלקערונג אזאַ קליינעם אינטערעס...

לויתן

יוד! ווילסטו, אז ארץ-ישראל זאל געבויט ווערען על פי רוח התורה והמסורה - טא שטיץ דעם „קרן הישוב".

אדוו. לייב אש,
פארזיצער פון ראט פון דער קאאפ. האנדוו. באנק אין טשענסטאכאוו.

מיר מוזען בויען פון דאסניי!

(צו דער אלגעמיינער פערזאמלונג פון דער קאאפעראטיווער האנדוו.-באנק).

די קאאפעראטיווע בעוועגונג אין פוילען לעבט צום דריטען מאל אדורך א שווערען איבערברוך. צום ערשטען מאל די מלחמה, צום צווייטען — די אינפלאציע, צום דריטען מאל דער הערשענדער ווירטשאפטליכער קריזיס. יעדער איבערברוך ברענגט קרבנות, מאכט חרוב פיעל אינסטיטוציעס, אבער גלייכצייטיג רופט ער ארויס ביי דעם טייל פון דער געזעלשאפט, וועלכער האט פערשטענדניש פאר'ן קאאפעראטיווען געדאנק, נייע קוואלען פון ענערגיע און הארטצוועט דעם ווילען אויפצוהאלטען מיט אלע כחות די אלטע לעבענס-נויטווענדיגע בנינים.

ביי אונז אין טשענסטאכאוו האט דער קריזיס שטארק אנגעגריפען די קאאפעראטיווע האנדווערקער-באנק. די באנק איז געשאפען געווארען אין יאהר 1928 מיט א פערהעלטניסמעסיג נישט-בעדייטענדען פאי-קאפיטאל און אין פערלויף פון א קורצע צייט ערווארבען די סימפאטיע פון דער היגער יודישער בעפעלקערונג. אבער שוין אין יאהר 1930 הויבט אן צו בושעווען דער אונברחמנות'דיגער קריזיס, וועלכער פערניכטעט פיעל קאאפעראטיווע אינסטיטוציעס, צווישען זיי אויך האנדווערקער-באנק, און שוואכט אב דעם צוטרוי צו דער היגער קאאפעראטיווער האנדווערקער-באנק. די וקלאדען ווערען סיסטעמאטיש ארויסגעצויגען, די קוואלען פון הכנסות פערקלענערן זיך, די מיטגליעדער — צוליעב זייער שווערער עקאנאמישער לאגע — צאהלען נישט רעגעלמעסיג זייערע פערפליכטונגען און לאזען צו נישט-זעלטען די וועקסלען צום פראטעסט, די בילאנסען ווייזען יעדעס יאהר אויס א דעפיציט, און אזוי ארום שאפט זיך א לאגע, אז די באנק האט—טראץ די אנשטרענגונגען פון איהרע פערוואלטונגס-ארגאנען – פערלוירען אין פערלויף פון דער 6-יעהריגער עקזיסטענץ איהר פאי-קאפיטאל.

פיעל קאאפעראטיווע בענק האט דער קריזיס געבראכען. געבליבען זענען הויפטזעכליך די, וועלכע האבען איבערגעלעבט א רייהע פעטע יאהרען און בעזיצען דאדורך די מיטלען איבערצוטראגען די מאגערע יאהרען. די האנדווערקער-באנק האט אבער קיין בעדייטענדע קאפיטאלען נישט פעזיצט און זי האט אויך ערשט געמוזט זיך אויסארבייטען א געהעריגע ערפאהרונג.

און אלס רעזולטאט פון דער געשאפענער לאגע רופט יעצט די האנדווערקער-באנק איהרע מיטגלידער אויף אן אלגעמיינע פערזאמלונג, בכדי זיי דייטליך און אפענהערציג צו ערקלערען: חברים, אייער פאי-קאפיטאל עקזיסטירט נישט מעהר, מיר מוזען בויען פון דאסניי!

אין פערשטענדיגונג מיט'ן רעוויזיאנס פערבאנד פון די יודישע קאאפעראטיווע געזעלשאפטען און מיט'ן „פונדיישאן" איז אויסגעארבייט געווארען א גענויער פלאן, ווי אזוי די באנק צו סאנירען אין אוועקצושטעלען אויף פעסטע פינאנציעלע יסודות. דער פלאן וועט פארגעשטעלט ווערען דער אלגעמיינער פערזאמלונג צום בעשטעטיגען. אבער בכדי צו פערווירקליכען דעם דאזיגען פלאן, איז קודם כל נויטווענדיג א פעראינטערעסירונג פון דער יודישער געזעלשאפט לגבי דער האנדווערקער-באנק און דער בעוואוסטזיין, אז די באנק דארף און מוז עקזיסטירען.

מיט דעם דאזיגען בעוואוסטזיין מוזען די מיטגלידער פון דער באנק זיין דורכגעדרינגען, געהענדיג צו דער אלגעמיינער פערזאמלונג, און דאן וועט ביי א געהעריגער אנשטרענגונג פון די ניי-געוועהלטע פערוואלטונגס ארגאנען און ביי דער מיטהילף פון די פעראינטערעסירטע קערפערשאפטען מעגליך זיין די לעבענס-נויטווענדיגע פאר די האנדווערקער מאסען די האנדווערקער-באנק אויפצוהאלטען און אויפצולעבען.

זובסטו עמאציעס — בעזוך „ערלידע".

פון קרן קימת לישראל.

די היי-יעהריגע ט"ו בשבט אקציע האט איינגעבראכט אין אונזער שטאדט 159.08 זל.

אלע ארגאניזאציעס ווערען געבעטען אבצוזוגעבען דאס הרקה מאטעריאל מאנטאג י"א אדר פון 8-30 אווענד. גלייכצייטיג וועט ארויסגעגעבען ווערען דאס פורים מאטעריאל (צו דער אקציע אין קערות).

מיר מאכען אויפמערקזאם דאס די פורים וואך איז בעשטימט נור אויף אקציעס פאר'ן ק. ק. ל.

בויר ווארטען אויף מעשים!

את ארץ-ישראל מוכרכים אנו לגאל מאת הגוים
את שפת ישראל—מאת היהודים
(אוסישקין).

דאס געזעלשאפטליכע טשענסטאכאוו שלאפט. עס איז פשוט נישט צו פערשטעהן, ווי א שטאדט פון א שעהנעם צבור יודען, איינעם פון די גרעסטע אין פוילען, פיהלט נישט קיין שום בעדערפנישען, פאדערט נישט קיין ממשותדיגע מעשים פון איהרע כלל - טהוער אויף אלע געביטען. מיר מוזען זיך שעהמען פאר אנדערע, גאר קליינע צבורים, בנוגע יעדער היגזיכט. ווען עס האנדעלט זיך וועגען דעם ציוניסטישען לעבען בכלל און דאס קולטוירען די העברעאישע שפראך בפרט, קענען מיר זיך שוין אפילו נישט שעהמען, עס איז בכלל נישטא אזא געפיהל, וועלכער זאל קענען בעצייכענען אט דעם דאזיגען מצב. עס פעהלען פשוט אויס ווערטער.

א שטאדט פון איבער 30.000 יודען האט נישט קיין „תרבות" - שולע, עס איז בכלל נישטא קיין מוסד, אויף וועלכען מען וואלט געקאנט זאגען: עברי.

עס האנדעלט זיך אין דעם, ווער ס'האט גו"ם געווען צו אזא מצב, ווער ס'איז פאר דעם אלעם פעראנטווארטליך? און דא מוז קלאר געזאגט ווערען: די צענטראלע פון „תרבות".

אין דער צייט, ווען מען לעגט אוועק כוחות אין געלד אויף קליינע ערטער, וועלכע צעהלען נישט מעהר ווי 100 יודישע משפחות (זעה ביולעטינען פון „תרבות") און מען שטעלט אוועק שעהן ענטוויקעלטע אווענד-קורסען פאר עלטערע און נאכמיטאג-קורסען פאר יונגערע פון די פאוושעכנע שולען, וועלכע זענען גלייך די טרעגער פון נאציאנאלער אויפלעבונג — האט מען פאר אונזער שטאדט גארנישט געטהון.

ביי אונז האט מען אוועקגעשטעלט א ועד „תרבות", וועלכער איז בכלל נישט פעהיג עפיס צו טהון (פארדאן, פאר עטליכע וואכען איז געווען א מודעה וועגען א העברעאישען פאלקס-אוניווערזיטעט), וועלכער פערמאגט נישט דעם ארגאניזאטארישען געפיהל, אבגערעדט שוין וועגען ערציהערישע און לעהרע פעהיגקייטען, אז ער זאל פיהרען די ארבייט. דער ועד אליין, אהן אנווייזונגען פון ווארשא (איך געדענק נישט, אז אמאל זאל ארויבקומען א דעלעגאט פון ווארשא) קען לויט זיינע מעגליכקייטען נישט זיין נוצליך.

די איינגעארדענטע קורסען זענען זיך שוין (אין משך פון 2 הדשים „ארפייט") כמעט ווי צעפאלען. נאר איין זאך האבען אונז בעוויזען אט די קורסען: עס זענען דא הונדערטער יוגענד (איינגעשריבען אויף קורסען האבען זיך אנ'ערך 300-400 מאן), וועלכע שטרעבען צו לערנען די העברעאישע שפראך.

מיר זעהען, אז ביי א גוטער ארגאניזאציע קאן מען אויפשטעלען נישט נאר קיין קורסען, נאר א „תרבות"-שולע. און דאס פאדערן מיר פון דער „תרבות" - צענטראלע. לייזט אויס די העברעאישע שפראך—אזוי ווי עס זאגט אוסישקין—פון די יודען'ס הענד, פון די אונפעהיגע הענד; נעמט אוועק די שלעכטע לייטונג פון הייליגע אינסטיטוציעס.

די פער'יאוש'טע יוגענד, וועלכע איז יעצט אוועק פון די שלעכטע קורסען, וועט זיכער זיך אומקעהרען צו א גוטען „תרבות", ווארום זי איז נישט אוועק פון העברעאיש, נאר פון — אונפעהיגע „מלמדים".

מיר ווארטען אויף מעשים, אויף מעשים, וועלכע זאלען אונז צוהעלפען אין דער ציוניסטישער ארבייט אין דער פערשלאפענער (געזעלשאפטליך) טשענסטאכאוו.

הנוערי

60.000
טיכעלעך צו דער נאז

פאר זיך און פאר דער פאמיליע וואשט די הויז-ווירטין אין משך פון איהר לעבען! נאר דאס איז נאך נישט אלץ, עס קומט נאך צו, וועש, בעט-געוואנד, קיך-וועש, קינדער-וועש, קליידלעך און א סך אנדערע זאכען. צי דארף דאס וואשען אין דער היים זיין א גרויל פאר דער ווירטין? צי דארף זי ווירקליך זיין געבויגען א גאנצען טאג איבער דער באליע? היינט איז דאך די וועש אזוי לייכט — עס עקזיסטירט ראדיאן!

עס איז דאך אזוי פשוט!
א) צולאזען אין קאלט וואסער
ב) קאכען מינדעסטענס 15 מינוט
ג) שווענקען צוזורשט אין הייס, דערנאך קאלט וואסער.
אהן רייבען און בערשטען ווערט די וועש אין א קורצע צייט ריין און שניי-ווייס.

פלאג זיך נישט
נעם
RADION

די יעהרליכע אלגעמיינע פערזאמלונג פון דער געזעלשאפט „ראבראטשינאשטש".

פערגאנגענעם זונטאג איז אין לאקאל פון דער יודישער קהלה פארגעקומען די יעהרליכע אלגעמיינע פערזאמלונג פון „דאבראטשינאשטש".

די פערזאמלונג עפענט פרעזעס ד"ר באטאוויא, וועלכער בעמערקט, אז דאס איז די 32-טע אלגעמיינע פערזאמלונג פון דער דאזיגער אינסטיטוציע. דערביי בעט ער צו בעעהרען מיט אויפשטעהן דאס אנדענקען פון ערשט נישט לאנג פערשטארבענעם כלל-טהוער און געוו. פרעזעס פון „דאבראטשינאשטש" הערמאן גינסבערג.

דעם פארזיץ פיהרט די"ר. ס. פרושיצקי, בייזיצענדער — דיר. אינזש. פשיסוסקער, א"ס סעקרעטאר ה' דאבראזשינסקי.

ד"ר באטאוויע גיט-אב דעם טעטיגקייטס בעריכט, פון וועלכען עס ווייזט זיך ארויס, אז טראץ דעם קריזיס, וואס בושעוועט די לעצטע יאהרען, האט דאך דער „דאבראטשינאשטש" נישט פערקלענערט איהר טעטיגקייט און אזוי גוט דאס יודישע שפיטאל, דאס זקנים און יתומים-הויז, די אפראנקע, די זומער-קאלאניע און אנד. געשטאנען אויף דער וואך פון זייערע אויפגאבען. מיט גרויס שוועריגקייטען קומט אן די ארבייט אבער די פעראנטווארטליכקייט פאר די דאזיגע אינסטיטוציעס צווינגט אנצושטרענגען איבער מענשליכע כחות זי צו דערהאלטען. עס איז נאר א שאד, וואס אין דער הינזיכט פון אינוועסטיציעס קאן מען צוליעב מאנגעל אין געלד גארנישט אויפטהון און דאס וועט זיך בלי ספק לאזען פיהלען.

ד"ר סט. קאהן קאן נישט פערשטעהן פארוואס עס איז אזא קליינע פעראינטערעסירונג מיט'ן „דאבראטשינאשטש" אזוי, אז אויף דער אלגעמיינער פערזאמלונג קומט אזא קליינער עולם. ער ווענדעט זיך דעריבער צו די אנוועזענדע פרעסע-פארשטעהער, אז זיי זאלען ווענען „דאבראטשיגנאשטש" שרייבען אויף די שפאלטען פון זייער צייטונג.

דער בילאנס ווערט גענומען צו קענטניס.

דער בודזשעט אויף דער סומע פון 313.300 זל. ווערט בעשטעטיגט.

אויפ'ן ארט פון די אבטרעטענדע ווערען אויסגעוועהלט די ה"ה: י. אימיך, ד"ר סט. קאהן, ד. שווארץ, נ. קאהן ווי אויך פרוי גראסמאן.

ווילסטו זעהן פורים אין תל-אביב? בעזוך דעם באל „ערלידע"!

ליטעראריש-הומאריסטישער אווענד און באל פון „מכבי".

שבת-צו-נאכטס, דעם 3 מערץ קומט פאר אין לאקאל פון „מכבי" אויף קאטעדראלנע 13 א פייערליכע ערעפנונג פון א לעזע - זאל און פערוויילונגס ווינקעל פאר די מיטגלידער פון דער געזעלשאפט. די פייערליכקייט איז פערבינדען מיט א ליטעראריש-הומאריסטישען אווענד.

שבת צו-נאכט, דעם 10 מערץ ארדענט דער „מכבי" איין אין זעלבען זאל א גראנדיעזען באל מיט א רייהע אינטערעסאנטע אטראקציעס.

קליינער פעליעטאן.

אז ס'לוינט מיר נישט...

אלע מאל האב איך אייך דערצעהלט וועגען די טענות און דאס הארץ-אראברעדעניש פון מיין שכן ישראל יודל, אדער ווי ער רופט זיך לעצטענס — יעקב יודל. היינט אבער וועט איהר גאר לעזען, אז איך האב מיר אראבגערעדט ס'הארץ פאר מיין שכן.

איך האב געפיהלט, אז אויפ'ן הארצען ליגט מיר א פולער בארג מיט עגמת נפש און טאמער וועל איך עס נישט אראבערעדען, וועט מיר עפיס געשעהן און היות ווי קיין נאהנטערען מענשען, וועלכער זאל מיך פערשטעהן, ווי מיין שכן האב איך נישט, האב איך איהם אויסגעקליבען אלס „קרבן".

— גוט מארגען, נוט יאהר—האט מיך בעגעגענט מיין שכן. וואס וועט איהר עפיס זאגען, פאניע רעדאקטאזשע?

— אויך איהר—בין איך געווארען אין כעס—אויך איהר שיט מיר זאלץ אויף די וואונדען, אויך איהר מאכט פון מיר לצנות.

— וואס, ווער—ווערט מיין שכן דערשראקען—מיט וואס האב איך אייך בעליידיגט. חס ושלום, איך בין עס נישט אויסען—פערענטפערט זיך יעקב יודל—פערקעהרט, איך האב צו אייך די בעסטע בעציהונג און ס'איז מיר זעהר אינטערעסאנט צו הערען, וואס איהר האט צו זאגען, פאניע סמאל.

— הערט, ליעבער פריינד, בין איך ארויס מיט רייד, אין וועלכע ס'פיהלען זיך טרעהרען. איך קאן נישט מעהר אויסהאלטען, מיין פאך איז מיר דערעסען, איך קאן נישט מעהר, עס איז מיר מיאוס געווארען דאס שטענדיגע קריטיקירען, דאס פערפיינדען זיך מיט מענשען און אינסטיטוציעס, צו וואס טויג עס מיר?!

— וואס?—שפרינגט אויף מיין שכן—איהר ווילט אוועק פון פאך? נו, אדרבה, צו וואס וועט איהר זיך נעמען, אפשר צו מסחר, זאג איך אייך, אז איהר וועט קיין בעסערן טויש נישט מאכען, נאר דוקא אנ'ערגערן. און וואס פעהלט אייך אין פאך, פאר וועמען האט איהר דען מורא? איהר מעגט קריטיקירען, דאס איז אייער אויפגאבע אנצווייזען אויף דער צופוילטקייט פון אונזער געזעלשאפט, כדי זיי זאלען עס אויסבעסערען. און אויב מיר זאלען רעדען אפען—הויבט אויף זיין שטימע מיין שכן—בין איך דער יעניגער, וואס בין מיט אייך נישט צופרידען און נור דערפאר, ווייל איהר זענט נאך א טרוס און האט מורא א סך זאכען צו בעריהרען אין אייער צייטונג. געשעהענישען, וואס דארפען געטאדעלט ווערען, פערשווייגט איהר אינגאנצען.

— האט נישט קיין פעראיבעל, מיין ליעבער יעקב יודעל—פערענטפער איך זיך פאר איהם—אויך דאס, וואס איך קריטיקיר יא, קאסט מיך בלוט אין געזונד. אלס אילוסטראציע וועל איך אייך נאר דערצעהלען עטליכע קליינע פאקטען פון א סך און דאמאלס וועט איהר מיך פערשטעהן.

איהר ווייסט דאך גאנץ גוט—טענה איך ווייטער—אז איך בין זעהר פארזיכטיג מיט קריטיק-אנפאלען אויף עמיצען און ווען איך זאל פערעפענטליכען אלץ, וואס מיר איז בעוואוסט, וואלט מען געדארפט ארויסגעבען טאג-טעגליך גרויסע צייטונגען מיט אהן א שיעור עמודים, וואו עס זאלען זיין אויסגערעכנט אלע חטאים און עוולות, וואס געשעהן כסדר צווישען מענשען, סיי בין אדם לחברו, סיי אין געזעלשאפטליכען לעבען. היות אבער, ווי אונזערע מעגליכקייטען זענען בעגרעניצט, שרייבט מען נאר פון צייט צו צייט וועגען עוולות, וואס שטעכען די אויגען, וועלכע מען קאן שוין נישט פערהוילען און אויך פון דעם האט מען צרות צרורות, היטלער'ן געזאגט.

אונזער טשענסטאכאוו, מוזט איהר וויסען, איז א פערשאלטענע שטאדט און איהרע עסקנים וואלטען געוואלט, אז נאר מען זאל זיי ריהמען און לויבען און טאמער וואגט איהר זיי אמאל אנצוווייזען אויף זייער שוואכקייט, זענט איהר דאס חיות נישט זיכער, ווערט מען אייך א דם שונא און מען רעדט אויס אויף אייך, אז איהר זענט טענדענציעז, אז איהר זענט א רשע, אז איהר ווילט נאר דעם אדער יענעם מענשען, דער אדער יענער אינסטיטוציע שאדען ברענגען און דעריבער דארף מען אייך באיקאטירען אדער כאטש גוט אויסזידלען.

איך האב, למשל—פערטרוי איך מיך פאר מיין שכן—אמאל קריטיקירט איינעם, וועלכער פערמסר'ט יודען, אז מען מעסט זיי אויס צו וועניג שטייערען און נישט קוקענדיג דערויף וואס די גאנצע שטאדט האט פון דעם געוואוסט, האט זיך דאך געפונען ארט אין א צייטונג, וואו מען האט מיך דערפאר געזידלט. דאס זעלבע איז געווען, בעת איך האב קריטיקירט די יודישע צוקערניקעס. דאן דאס זעלבע וועגען אנדערע אינסטיטוציעס און יחידים, ווען איך האב פארגעווארפען, אז מיט זייער האנדלונג פערלעצען זיי דאס עלעמענטארסטע, וואס איז ביי אלעמען הייליג. אנשטאט מען זאל אנערקענען, אז איך האב רעכט, איז מען מיך בעפאלען און אויסגערעדט כל דבר אסור. דעריבער, ליעבער פריינד, וויל איך נישט מעהר זיין קיין מוכיח און מוסר-זאגער. איך וועל זיין אזוי ווי אלע „מענשען", אנשטאט קריטיקירען וועל איך לויבען, מעגען עס זיין די גרעסטע שווייגערייען. אוועב אנדערע קאנען בעשטעהן, ארט עס מיך אויך נישט. איך וועל שמייכלען, חנפה'נען, זיך צופוצען צו יעדען איינעם, פערפאלען, עס איז היינט אזא צייט און איך וויל נישט זיין דער וועלט - איבערקעהרער, ווארום, פערשטעהט, ליעבער שכן, אז מיט דעם מוסר-זאגען וועסטו גארנישט אויפטהון, דו וועסט נאר פערשריגען ווערען און טאמער וועסטו וועלען געהן מיט'ן אמת, וועסטו צוזאמען מיט'ן אמת ליגען ארצה...

וואס דארפט איהר מעהר — ברענג איך צום סוף נאך אנ'ארגומענט — די מעשה עלענבערג, דאכט זיך, אז דאס איז אזא נבלה, וואס מען דארף דערפאר עוקר מן השורש זיין, מען דארף איהם שטעלען מחוץ למחנה און זעהט וואס פאר א שווארצען סוף עס האבען געהאט די יעניגע זשורנאליסטען, וועלכע האבען איהם געוואגט צו קריטיקירען. עס האבען זיך שוין געפונען פערטיידיגער, וועלכע האבען איהם מטהר געווען. אמת, די זשורנאליסטען האבען זיך נישט דערשראקען און האבען סיי עלענבערג'ן, סיי זיינע אונפערשעהמטע משרתים געווארפען דעם שמוץ צוריק אין פנים אריין. איז דאך אבער ווארשא א כרך. ביי אונז, אין טשענסטאכאוו, טאר מען זיך דאס נישט דערלויבען, ווייל באלד וועט מען דיר פארווארפען טענדענציעזן א. ז. וו.

דערפאר טאקי, ליעבער פריינד, האב איך וועגען אונזערע היימישע עלענבערג'ס, וועלכע זענען אויך ביי אונז אין שטאדט פערהאנען, נישט געשריבען, איך וויל נישט איינרייסען. איך וויל נישט זיין די כפרה פאר דער גאנצער שטאדט. פון היינט אן וועל איך אזוי טהון, ווי יענער רבי, וועלכען מען איז געקומען דערצעהלען, אז אונטער דער שטאדט טאנצען יונגען מיט מוידען, האט ער אויך נעכאפט א מויד און מיט איהר געטאנצט. און ווען מען האט איהם געפרעגט: רבי, סטייטש? האט ער געענטפערט: דארף איך זיין זייער כפרה, זאלען זיי זיין מיין כפרה...

איך וועל פון היינט אן זיין א „גוט קינד", טאמער וועט אנ'אנדערע צייטונג קריטיקירען מוסרים אדער אנווייזען אויף שווינערייען פון געזעלשאפטליכע טהוער (כאטש דאס וועט קיינמאל נישט קענען געשעהן, ווייל יענע פרעסע-לייט זענען קלוגער פון מיר און פערשטעהן געשעפט...) וועל איך די בעפאלענע געבען די מעגליכקייט די קריטיקער אנצוזידלען...

אזוי איז עס, ליעבער שכן, איך וועל קלוגער ווערען, אמת אביסעל צו שפעט, אבער גלייכער שפעטער ווי קיינמאל נישט...

מיין שכן האט טרויעריג געשאקעלט מיט'ן קאפ און איך אליין האב אויך געפיהלט, אז איך בין נישט גערעכט, אבער פערפאלען. כ'האב נישט קיין ברירה, מען מוז זיך צופאסען צום רוח הזמן...

איך וויל זיך נישט פערפיינדען מיט מענשען — אז ס'לוינט מיר נישט...

סמאל

Dużo Pani zaoszczędzi

jeżeli używać będzie **najlepszego** proszku do pieczenia. Dlatego polecają Panie domu stale **Dra Oetkera proszek do pieczen a** *Backin* jako bezwzględnie niezawodny. Jeżeli Pani piecze na proszku Dra Oetkera „Backin" podług znanych Oetkera receptów, pieczywo udać się musi. — Przy zakupie zważać należy na nazwę **„Dr. Oetker"** oraz **znak ochronny „Jasna Głowa".**

Żądajcie w składach kolonjalnych bezpłatnie znanych książeczek z przepisami Dra Oetkera. W razie wyczerpania wysyła bezpośrednio

Dr. A. Oetker, Oliwa.

פון דער יודענשטאַטס-פּאַרטיי.

מאָרגן שבת פּונקטליך 3 נאָכמיטאָג קומט פאָר א פּינה עבֿרית נעפּירים דורך ח' קרעמערס. אַלע חברים ווערן אויפ-געפאָדערט צו קומען פּונקטליך.

צום קומענדען פריהלינגס - סעזאָן

איז מיין לאַנגיעהריג

מאַנופאַקטור-געשעפט

פערזעהן מיט א גרויסען אויסוואהל פון אלערליי מאַנופאַקטור - סחורות

וואָל, זייד, פלוש-דעקען, גאַרדינען, גאַבעלינען, בראָקאַטען

ווי אויך א אויסוואהל פון ווייסוואַרען אַלץ צו פאַבריקס-פּרייזען.

מאַכט אייערע איינקויפען אויף פסח נאָר אין מיין

געשעפט און איהר וועט העכסט צופרידען זיין.

ויסמאַן קרויזע, נייער מאַרק 6.

בעקאַנטמאַכונג.

די בעוואוסטע מאָלער - פירמעס:

גרייצער, געלבער און דזיאַלאָוויטש

פיהרען אויס די שענסטע מאָלער - אַרבייט

פון די בילליגסטע מוסטערן צום פּרייז 25 זלאָטעס פאַר א צימער

מיט אכטונג:

גרייצער, געלבער, דזיאַלאָוויטש

2 אַלעע 16, פּרזעמיסלאָווא 10,

יאַסנאַגורסקא 13 טעל. 17-37.

עונג-שבת אין „מזרחי".

שבת פ' תצוה, 4 אַ זייגער נאָכמי-טאָג קומט פאָר אין לאָקאַל פון „מזרחי" אַלעע 5, אַ עונג שבת מיט דער בע-טייליגונג פון דעם בעוואוסטען מטיף ר' יוסף שמעון קאַבלינץ א. א.

די פייערונג אין שטאָדטישען בית-המדרש צו זיין 100-יעהריגער עק-זיסטענץ.

מיטוואָך אין אָווענד, ז' אדר, איז אין שטאָדטישען בית המדרש לכבוד דעם הונדערט-יעהריגען יובל פון זיין עקזיסטענץ, פאָרגעקומען אַ גראַנדיעזע פייערונג.

דאָס בית המדרש איז געווען זעהר שעהן דעקאָרירט און ס'האָבען אויך געברענט 345 ליכט כמנין „משה".

אַ ספּעציעלער אָרקעסטער האָט גע-שפּילט פערשידענע מאַרשען.

רעדעס מעניגא דיומא האָבען גע-האַלטען: ר' משה האַלטער, און מו"צ ר' בנימין רובין. דאַן האָט דער שטאָדט-חזן ר' יוסף באַדאַש געזינגען עטליכע נומערן.

די פייערונג האָט געמאַכט אויף אַ-לע אנוועזענדע אַ זעהר גוטען איינ-דרוק.

גענויער וועגען די דאָזיגע פייערונג אין נאָהענטסטען נומער פון אונזער צייטונג.

צום בעזוך פון די חשוב'ע פיהרער פון פּוילישען רעליגיעזען יודענטום אין טשענסטאָכאָוו.

קומענדען זונטאַג, דעם 25 ד. ח. 7 אָוענד וועט אין האָטעל „קופּיעצקי" פאָרקומען אַ טיי - אָווענד לכבוד די חשוב'ע אָרטאָדאָקסישע עסקנים הרב שמואל דוד לאַסקי פון סאָמפּאָלנא און ה' אלי' מאַזור, פּרעזעס פון דער וואַר-שאַווער קהלה, וועלכע בעזוכען אונזער שטאָדט כדי אַדורכצופיהרען די אקציע פאַר דעם מיליאָן-קאַמפּיין פון קרן היישוב.

אין טיי-אָווענד וועט זיך בעטייליגען דאָס שענסטע און בעסטע פון דער טשענסטאָכאָווער יודישער בעפעלקע-רונג, צו וועלכער ס'איז געוואָרען אַ-רויסגעשיקט ספּעציעלע איינלאַדונגען, וועלכע וועלען גלייכצייטיג דינען אלס איינטריטס-קאַרטען.

ווי מיר ווערען געוואויר וועט אויך די קהלה מאַכען אַ געהעריגע אויפנאַ-מע אין קהלה זאל לכבוד די חשובע געסט.

פון דער רעוויזיאָניסטישער בעוועגונג.

היינט פרייטאַג, דעם 23-טען 8 אָוו. קומט פאַר א אויסערגעוועהנליכע פער-זאמלונג פון היגען ברית הצה"ר.

די היגע פּעטיציע-קאָמיסיע זעצט ווייטער פאָר איהר אַרבייט, ווי אויך די צוגרייטונגען צו דער פעטיציע-בעווע-גונג.

די היי-יעהריגע פורים - וואָך איז דורכ'ן צענטראַל-קאָמיטעט פּראָקלאַמירט געוואָרען אַלס „אַנטי-היטלער-וואָך. צו דעם צוועק וועלען פאַרלעך בעזונדערע געשעפטען ווי אויך ווירטינס מיט'ן צוועק צו פערשטאַרקען די באָיקאָט-אַקציע.

אַקציע פאַר'ן מיליאָן-קאַמפּיין פון „קרן - הישוב" אין טשענסטאָכאָוו.

קומענדען זונטאג, ד. 25-טען ד. ח. קומען צו פאָהרען קיין טשענסטאָכאָוו דער פּרעזעס פון דער וואַרשאַווער קהלה ה' אלי' מאַזור און דער בעקאַנ-טער ארט. שריפטשטעלער הרב שמואל דוד לאַסקי סאמפּאָלנער רב, בכדי אַ-דורכצופיהרען אין אונזער שטאָדט די אַקציע פאַר'ן מיליאָן-קאַמפּיין פון „קרן-הישוב", וואָס איז געוואָרען פּראָקלאַ-מירט דורך דער לעצטער לאַנד-קאָנ-פערענץ פון „אגודת ישראל" אין פּוי-לען.

לכבוד'ן אָנהויב פון דער אַקציע קומט פאָר מאָנטאַג, ד. 26-טען 8 אָוו. אין פייערלעשער-זאַל אַ גרויסע ארץ-ישראל-אַקאַדעמיע, אויף וועלכער די חשובע געסט וועלען אַרויסטרעטען מיט רעפעראַטען וועגען די אויפגאָבען פון רעליגיעזען יודענטום פאַר א"י.

די אַקציע, וועלכע איז גלייכצייטיג אונטערגענומען געוואָרען אין גאַנץ פּוילען האָט צו פערצייכענען אַ ריזי-גען ערפאָלג און גיט זיך איבעראַל גלענצענד איין. ס'איז צו האָפען, אז אויך אין אונזער שטאָדט וועט די אַק-ציע פון רעליגיעזען יודענטום פאַר'ן אויפבוי פון אַ רעליגיעזען יודישען ישוב אין הייליגען לאַנד פון אונזערע אבות אַרויסרופען אַ געהעריגען אינטע-רעס און געפונען די פולע אונטערשטי-צונג.

פון ביח"ר.

זונטאַג, דעם 25-טען ד. ח. 8.30 אָוענד קומט פאַר אין לאָקאַל פון בית"ר אַ טרויער-אַקאַדעמיע, געוויד-מעט דער 14-יעהריגער יאָהרצייט פון אומגעקומענעם העלד אין תל-חי יוסף טרומפּלדור, מיט פאָלגענדען פּראָגראַם: ערעפנונג, רעפעראַטען מעגינא דיומא און דעקלאַמאציעס. מיר בעטען אויך אַלע עלטערן פון די בית"רים צו קו-מען צו דער אַקאַדעמיע.

פון ברית החיל.

היינט פרייטאַג פּונקטליך 7.30 אָוו. קומט פאַר אַ חברים פערזאַמלונג. אויפ'ן טאג-אָרדנונג: דאָס בעאַרבייטען דעם מעמאָראַנדום וועגען דער דורכפיהרונג פון דער פּעטיציע-בעוועגונג.

פערזענליכעס.

נאָך עטליכע יאָהר מעדיצינישער פּראַקטיק אַנדערשוואו, האָבען זיך בע-זעצט ביי אונז אין שטאָדט די דאָקטוי-רים ב. טענענבוים, ספּעציאַליסט פון אינערליכע קראַנקהייטען און ז. וויל-טשינסקא-טענענבוים, ספּעציאַליסטין פון אַקושעריע און גינעקאָלאָגיע (נייער מאַרק 6, עק וואַרשאַווער גאַס).

מיר וואונשען ערפאָלג אונזערע בני-עיר'ס.

פון „פּועלי אגודת ישראל".

פערגאַנגענעם מוצש"ק איז פאָרגעקו-מען א חברים פערזאַמלונג אין פא"י, וואו ס'איז בעשלאָסען געוואָרען, אז אַלע חברים בעשטייערען זיך מיט'ן פערדינסט פון דריי אַרבייטס-טעג פאַר'ן קרן-הישוב, וואָס פיהרט אַדורך דעם מיליאָן-קאַמפּיין; די חברים, וועלכע זע-נען אַרבייטסלאָז און האָבען נישט דע-ריבער די מעגליכקייט זיך צו בעשטיי-ערען מיט געלט שטעלען זיך צו דיס-פּאָזיציע פון היגען קאָמיטעט אויף דער צייט פון דער אַקציע.

במשך דער היינטיגער וואָך איז דורך די חברים פון פא"י פאָרגעקומען אַ הרקה פאַר'ן חודש שבט פון די „כיסי-אוסף" פון קרן הישוב.

אין צוזאַמענהאַנג מיט'ן פּראָקלאַמי-רען דורך דער פא"י-צענטראַלע דעם חודש אדר אלס פּראָפּאַגאַנדע חודש אויף רעכט פאַר יודישע אַרבייטער, האָט די היגע פא"י געשאַפען אַ ספּע-ציעלען קאָמיטעט אין וועלכען ס'בע-טייליגען זיך אויך אייניגע יודישע פאַב-ריקאַנטען. די אויפגאַבע פון דעם קאָ-מיטעט איז אויפצוקלערען אַלע יודישע אַרבייטס-געבער זייערע פליכטען לגבי דעם יודישען אַרבייטער. דער קאָמיטעט פּלאַנט אויך איינצואָרדנען ענדע חודש אַ גרויסען מאַסען מיטינג געווידמעט דער דערמאַנטער פראַגע.

פון „שומר הדתי".

לעצטענס איז צו בעמערקען אַ לעב-האַפטע טעטיגקייט אין היגען קן „שו-מר-הדתי". עס קומען פאַר בעלעהרענ-דע שיחות און שעורים עברית. עס איז אויך אונטערגענומען געוואָרען אַ ווער-בירונגס-אַקציע פון פרישע אחים. דער סעקרעטאַריאַט איז טעטיג יעדען טאָג פון 8 ביז 9 אָווענד.

שבת-צו-נאַכטס, דעם 24.2 7 אַ זיי-גער קומט פאַר אַ פייערליכער „פּיקוד" און ראַפּאָרט פון אַלע ראשי-קבוצות. אַלע אחים ווערען אויפגעפאָדערט צו קומען פּונקטליך.

פון תנועת תורה ועבודה.

שבת-צו-נאַכטס פ' תצוה 24.2 פּונקט-ליך 8 אַ זייגער קומט פאַר אין איי-גענעם לאָקאַל, אַלעע 5, אַ רעפעראַט פון פּראָפ. ד. יאַנאַווסקי א ד. ט. „העברעאיש אַלס ערציהערישער פאַק-טאָר". איינגאַנג פריי.

Mydło Bebe Szofmana - *אידעאַל פאַר קינדער און ערוואַקסענע*

קימפּעטאָרין-אַבטיילונג ביים יודישען שפּיטאָל.

מיר מאַכען בעקאַנט, אַז

אין יודישען שפּיטאָל איז געעפענט געוואָרען אַן'אָבטיילונג פאַר קימפּעטאָרינס

אונטער דער אויפזיכט פון די דאָקטוירים און א ספּעציעל אנגאזשירטע אַקושערין-ספּעציאַליסטין.

די קימפּעט-קאָסטען און פון אויפענטהאַלט זענען צוגענגליך פאַר די ברייטע שיכטען פון דער בעפעלקערונג.

דאס יודישע שפּיטאל אין טשענסטאכאוו.

Na zasadzie umowy
z Przedstawicielstwem Handlowem Z. S. R. R w Polsce

שיקען מיר אַרויס דירעקט פון וואַרשא אין אַלע שטעדט

נאָך רוסלאַנד מצות און מעהל אויף פסח

דער פּרייז פון אַ פּולקאַם 5-קילאָ'דיג פּעקיל בעטרעפט: מיט מצות 37 זל., מיט מצה-מעהל 35 זל. דער בעטרעף דאַרף איינגעצאָהלט ווערען אויף קאָנטאָ פּ. ק. א. № 23547

BIURO POSYŁEK, WARSZAWA. Nowogrodzka 39.

URODONAL

Zwalcza reumatyzm podagrę piasek sklerozę

czyści nerki oczyszcza wątrobę i stawy łagodzi arterje i zwalcza otyłość

Do nabycia we wszystkich aptekach i skł. apt.
Przedstawicielstwo Warszawa, Fredry 4.

אַכטונג טוריסטען!

אַלע טוריסטען, וואָס ווילען פאָהרען נאָך פּאַלעסטינע אויף די צייט

פון פסח און פון מזרח - יריד אין תל - אביב

דאַרפען זיך גלייך ווענדען אין טוריסטען-ביוראָ ביי דער „יודענשטאַטס-פּאַרטיי", אין וואַרשע **לעשנאָ 8/37,**

וועלכעס אָרגאַניזירט אין **מערץ** און אין **אַפּריל**

גרופּען - רייזעס נאָך ארץ - ישראל.

פּרייזען בעדייטענד רעדוצירט.

די ערשטע יודישע כעמישע פּראַלניע און פאַרבעריי

„KRYSZTAŁ". Berka Joselewicza 2

עקזיסטירט פון יאָהר 1924

עמפּפעהלט זיך די ג' קליענטעלע מיט איהר וויטערדיגען צוטרוי.

נעמט אָן כעמיש צו רייניגען און צו פאַרבען אַלערליי קליידונג: **פּאַלטאָס, אַנצוגער, קאָסטיומען, קינדער-גאַרדעראָבע, פּוטער צו וואַשען** און **גאַרדינען** צו וואַשען מיט שפּאַנען, ווי אויך **צו פאַרבען לעדערנע קורטקעס,** נעמט אויך אָן אַלערליי **וועש צו וואַשען.** פאַר א **קראַגען** מיט א ווינער האַק-גלאַנץ אין אונזער פּראַלניע נור **14 גראָשען, א העמד 50 גראָשען.**

די געעהרטע קונדשאַפט, וועלכע איז ביז איצט פון אונזער אַרבייט צופרידען, וועט אונז ווייטער איהר צוטרוי שענקען.

מיט אכטונג פירמע

„קרישטאַל", ב. יאָסעלעוויטשאַ 2, אין הויף.

Kino „EDEN"

100 פּראָצענט עמאָציע!
100 פּראָצענט איינדרוקען!
100 פּראָצענט ענטציקונג!

גיט רער נייעסטער און שטאַרקסטער שלאַגער פון דער טשעכישער פּראָדוקציע

ŚCIGANI LUDZIE

פינעזיע פון דער טעכניק!
פענאָמענאַל שפּיעלען!
פּראַפּירענדע אַקציע!

„ATLANTIC"

אַגראַדאָווא 14.

1) מעכטיגע דראַמע

Żelazna maska

(ג מוסקעטערען)

מיט **דאָוגלאַס פעירבאַנקס**

2) ריהרענדע דראַמע

MotylBrukowy

מיט דער גרויסער טראַגישער אַרטיסטין

אַננא מעי וואָנג.

Kino „LUNA"

דאָס פּרעכטיגע בילד פון היגטער-קוליסען לעבען פון צאַרישען הויף

OSTATNIA CAROWA

די ראָלען ווערען אויסגעפיהרט דורך דער בעריהמ-טער אַרטיסטען-פאַמיליע **ליאָנעל, דזשאָן** און **עטעל באַרימאָר.**

מיטאָג-פאָרשטעלונגען:

Węgierska Miłość — שבת
Złote Sidła — זונטאג

אכטונג, רעליגיעזע יוגענד!

מוצש"ק 7 א זייגער אָווענד קומט פאָר אין פּועלי אגודת ישראל, ב. יאָסעלעוויטשאַ 8

א גרויסע יוגענד - פערזאַמלונג

געווידמעט דער אַקציע פאַר'ן מיליאָן - קאַמפּיין פון קרן - הישוב.

פּועלי, צעירים, קומט מאַסענווייז! אַלע צו דער אַרבייט פאַר'ן אויפבוי פון א רעליגיעזן ארץ-ישראל.